# דרשה

אשר דרש בבית המדרש של הקהל דפה
כבוד אדומו"ר הרה"צ בוצינא דנהורא חו"פ
עטרת ראשנו וכו' כקש"ת

מרן קלונימוס קלמיש שפירא שליט"א
אב"ד דק"ק פיאסעצנא
בהרה"צ רשכבה"ג מוהר"א מגראדזיסק זצוקללה"ה
וחתן הרה"צ רשכבה"נ מוהרי"מ מקאזניץ זצוקללה"ה

יו"ל ע"י חברי הקהלה העברית דפיאסעצנא

ווארשא תרצ"ו

# דבר המוציאים לאור

לפי בקשת שרידי תלמידי הישיבה הקדושה „דעת משה" של האדמו"ר הק' מוהר"ר קלונימוס קלמיש שפירא מפיאסצנה זצ"ל הי"ד החלטנו להוציא לאור מחדש את דרשת רבנו זצ"ל אשר דרש בק"ק פיאסצנה בשבת תשובה תרצ"ו ככתבה וכלשונה באידיש ובעז"ה נוציא בקרוב דרשה זו בלשון הקודש.

כמ"כ שמחים אנו להודיע שנמסרו כבר ב"ה לסדור לקוטי תורה של מרן זצ"ל אשר היו בידי כמה מתלמידיו שיחי' של מרן זצ"ל. ושוב אנו מזהירים לבל יוציא אף אחד מדברי רבנו זצ"ל בכל לשון שהוא, בלי רשות האדמו"ר רבי אלימלך שפירא שליט"א.

**ועד חסידי פיאסצנה**
בראשות בן אחי המחבר מוהר"ר אלימלך שפירא
שליט"א במוהר"ר ישעי-ה שפירא זצ"ל
רחוב הרצל 68 תל-אביב

בזה אני מודה להשי"ת שנתן ברעיוני להדפיס ולהוציא לאור את הקונטרס הנ"ל לזכר אבי מורי הרהח"ס **ר' אברהם רדזינר** זצ"ל שהיה נאמן ביתו של האדמו"ר הקדוש מפיאסצנה זצ"ל הי"ד. ולאחר פטירת אבי ז"ל בגיטו לודז', בט"ו תשרי תש"ב, כתב האדמו"ר זצ"ל לאמי הי"ד שאבי היה בבחי' תלמיד המחכים את רבו, ולא אחד ממאמריו כתב תודות לשאלותיו, כמ"כ לזכר אבי זקני הרה"ח **נתנאל בן הרב חיים רדזינר** מורשה, שהיה מעמודי התווך של חסידי קוזניץ ומראשוני חסידי מרן בפיאסצנה. יום הזכרון שלו הוא ז' תשרי.

ובזה אני מודה לאדמו"ר הרבי **ר' אלימלך שפירא שליט"א** ממשיך השושלת שנתן לי הרשות והאפשרות להוציא את הקונטרס הנ"ל.

**נתנאל בר' אברהם ובילה רדזינר**
בני-ברק, ישראל

ב"ה

מיר גיבען דאָ איבער, די דרשה וואָס האָט גע-דרשנט כ"ק אדומו"ר הרה"צ מרן שליט"א, אב"ד דפיא-סעטשנא, שבת-תשובה אין היגען שטאָדטישען בית-המדרש.

די דרשה האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם און זי האָט שטאַרק מעורר געווען די יודישע הערצער, מיר האָבען דעריבער בעשלאָסען זי אָבצודרוקען אין יודיש, בכדי צו מאַכען אַ וועג פאַר די דברי אש קודש, אַז זיי זאָלען אריין אין יעדען יודיש האַרץ.

די ענינים העומדים ברומו של עולם, וואָס זענען בעריהרט אין די דרשה, זענען נישט בלויז נוגע אונזער שטאָדט אַליין — נאָר זיי זענען נוגע אנשים ונשים וטף בכל מקומות שהם, און מיר ווילען עס האַלטען פאַר אַ זכות, אַז די דרשה וועט ווערען פערשפרייט אין אַ גרע-סערע צאָהל צווישען דער יודישער בעפעלקערונג, בכדי דערמיט מקרב זיין זייערע הערצער לאביהם שבשמים.

המוציאים לאור.

בעזהי"ת

שובה ישראל עד ד' אלקיך, כי כשלת בעונך, קחו עמכם דברים ושובו אל ד'.

דער מדרש רבה אין פ' לך, דערצעהלט דעם אופן, ווי אזוי אברהם אבינו האט דאס ערשטע מאל דערקענט דעם אויבערשטען. אין יענע צייט ווען אין דער גאנצער וועלט האט געהערשט פינסטערניש, אלץ האט געדינט צו פערשידענע אפגעטער, ווען אויך אברהם אבינו'ס פאטער און ברידער האבען געדינט צו א גאט וואס איז געמאכט געווארען פון האלץ אדער שטיין — אין דער זעלבער צייט, האט אברהם אבינו נישט קיין מורא געהאט פאר קיינעם און צובראכען זייערע שטיינערנע און הילצערנע אפגעטער. ער האט עס געטהוען מיט מסירת-נפש, ווייל נמרוד האט איהם דערפאר אריינגעווארפען אין א ברענענדען קאלך-אויווען, אבער השי"ת האט איהם מציל געווען. אויך זיינע קינדער און הויז-געזונד האט אברהם אבינו געלערנט ג-ט'ס וועג, אז נאר איין ג-ט האט בעשאפען די וועלט, הימעל, ערד און אלץ וואס געפונט זיך אין איהר, און נאר השי"ת דארף מען דינען; און נישט בלויז אויבערפלעכליך מן השפה ולחוץ און נישט בלויז מיט לייכטע מעשים, נאר מיט'ן גאנצען גוף ונשמה, מיט'ן גאנצען כח און לעבען. אויך היינט זענען מיר יודען גרייט אונזער לעבען אוועקצוגעבען פאר השי"ת. מיר אלע געדענקען נאך, ווי אין אונזער דור, האבען טויזענדער יודען אין אוקראינע זיך מוסר נפש געווען פאר השי"ת, אזוי ווי עס האבען געטהוען

די פריערדיגע דורות. די אַלע קדושים זענען אומגעקומען נאָר ווייל זיי זענען געווען יודען. איהר הייליגע קדושים וטהורים פון אַלע דורות, וואָס אייערע גופים האָט מען געברענט אין פערשי־דענע פייערען, אייער הייליג בלוט מנסך געווען פאַר אונזער איינציגען, הייליגען, גרויסען ג-ט ב"ה, מיר זענען מיט אייך, הייליגע נשמות הקדושות, מיר זענען שטענדיג גרייט דאָס זעלבע צו טהוען פאַר השי"ת, און מיר זענען דאָס טאַקע מכוון אַלע טאָג אין קריאת שמע, בייטאָג און ביינאַכט.

דעריבער זאָגען מיר „אלקי אברהם יצחק ויעקב", מיר רופען זיי „אבות", ווייל ווען אויף דער גאַנצער וועלט האָט געהערשט פינסטערניש – האָבען זיי אונז מגלה געווען דאָס ג-טליכקייט פון השי"ת, זיי האָבען אַריינגעגעבען אין אונזערע הערצער און אין אונזער בלוט, דאָס התקשרות לד׳ ביז מסירת־נפש. נישט בלויז בעת אַ נסיון, ווען מען נייט ח"ו דעם יוד צו שמד ח"ו אָדער דורך פערשידענע גזרות איהם אַוועקצורייסען פון השי"ת און פון זיין תורה – זענען מיר זין גרייט מוסר־נפש צו זיין, נאָר בכלל איז דאָס גאַנצע לעבען פון אַ יוד אַ מסירת־נפש׳דיג לעבען. וואָלט ער נישט געווען קיין יוד, וואָלט ער נישט געליטען און נישט געוואָרען אַזוי פיל גע׳רודפ׳ט. ווען ער ערציהט זיינע קינדער לתורה – איז עס מיט מסירת הנפש; ער היט שבת – מיט מסירת הנפש; ער נעמט פרומע איידעמעס פאַר זיינע טעכטער – איז עס ווידער מיט מסירת-הנפש. צו זיין אַ יוד הייסט נישט – אַז אויב עס קומט איהם אָן לייכט, איז ער אַ יוד, און אויב עס קומט איהם אָן שווער, און ער האָט פערשידענע מניעות, וועט ער פערגרינ־גערן אָדער מוותר זיין אויף פערשידענע ענינים פון יודישקייט – ניין! אַ יוד מוז מען זיין אפילו ווען עס איז פערבונדען מיט די גרעסטע געפאַהרען און שוועריגקייטען, אַזוי ווי עס שטעהט אין מדרש: „או יהודי או קטול", ד. ה. אָדער זיין אַ יוד אָדער חלילה נישט לעבען, ווייל לעבען אַלס נישט-יודען ווילען מיר בשום אופן נישט. און אָט דאָס אַלעס האָבען מיר בירושה פון אונזערע אבות. און אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער פון זיי, וואָס

האָט דערקענט ג-ט און דער מדרש טהוט טאַקע דערצעהלען, ווי אַזוי ער איז צו דעם צוגעקומען און ווי אַזוי השי"ת האָט זיך צו איהם מגלה געווען.

דער מדרש זאָגט: אמר רבי יצחק, משל לאדם שהי' עובר ממקום למקום וראה בירה אחת דולקת, אמר תאמר שהבירה זו בלא מנהיג, הציץ עליו בעל הבירה, א"ל אני הוא בעל הבירה. כך, לפי שהי' אברהם אבינו אומר, תאמר שהעולם הזה בלא מנהיג, הציץ עליו הקב"ה ואמר, אני הוא בעל העולם עכלה"ק (רבי יצחק האָט געזאָגט: עס איז אַ משל צו אַ מענש וואָס האָט געוואַנדערט פון איין אָרט צום צווייטען און ער האָט גע-זעהען ווי אַ פּאַלאַץ ברענט, האָט ער געפרעגט: איז דען מעגליך אַז דער פּאַלאַץ זאָל נישט האָבען קיין בעל הבית? האָט אויף איהם אַ בליק געטהוען דער בעה"ב פון פּאַלאַץ און געזאָגט: איך בין דאָס דער בעל הבית פון פּאַלאַץ. אַזוי אויך אברהם אבינו האָט געטראַכט, צי איז דען מעגליך, אַז די וועלט זאָל נישט האָבען קיין מנהיג? האָט השי"ת אויף איהם אַ בליק געטוען און געזאָגט: איך בין דאָס דער מנהיג פון דער וועלט).

מיר דאַרפען דאָך פערשטעהן, צוליב וואָס ערקלערט אונז דער בעל המדרש דאָס משל „בבירה דולקת" (אַ ברענענדער פּאַלאַץ) פאַר וואָס טויג נישט ווען דער בעל-המדרש וועט זאָגען בלויז „בירה"? נאָר דער ענין דערפון איז: דאָ רעדט זיך דאָך פון דער צייט איידער אברהם אבינו האָט דערקענט, אַז השי"ת איז דער באַשעפער פון דער וועלט און איידער השי"ת האָט זיך צו איהם מגלה געווען, דענסטמאָל האָט טאַקע אברהם אבינו געקוקט אויף דער וועלט ווי אויף אַ בירה דולקת (אַ פּאַלאַץ וואָס ברענט). ווייל וואָס איז דען די וועלט, אויב זי איז אָהן אמונה ועבודת ד' — אויב נישט אַ מורא'דיג פייער, וואָס פער-ברענט און מאַכט אַ תל פון אַלץ? און וואָס איז דען אַ לעבען אָהן תורה — אויב נישט אַ גיהנם-פייער, וואו דער מענש איז אומגליקליך אויב ער געפונט זיך אין אַזאַ לעבען, וואָס איז בלויז הושך ואפילה, גניבה, גזילה, רציחה און פערשידענע מיאוס'ע תאוות וואָס אויב דער מענש טהוט זיי, איז ער ערגער אפילו

פון אַ בהמה טמאה. אויך היינט ווער עס האָט נישט קיין אמונה אין השי"ת און געהט נישט בדרך התורה, געפונט ער זיך אין אַ „בירה-דולקת", אָבער צום בעדויערען פיהלט נישט דער מענש, אַז ער געפונט זיך בבירה דולקת. און אָט דאָס לערנט אונז דער מדרש, אַז השי"ת איז זיך דעמאָלט מתגלה צום מענש, נאָר ווען ער פיהלט שוין, אַז ער איז בבירה דולקת.

ביז פאַר צוואנציג-דרייסיג יאָהר צוריק, האָבען די אומות-העולם — די וואָס זענען אינגאַנצען אָהן תורה — געלעבט אין טעות. זיי האָבען געגלויבט אין דער מענשהייט און געהאַט צוטרוי צו זייער גייסט און שכל, וואָס ווערט וואָס אַמאָל בעסער און שענער. זיי האָבען געהאַלטען, אַז דער געלעהרטער מענש, וועט נישט טהוען קיין שלעכטס שוין צוליעב דעם ווייל זיין גייסט איז אין בעסטען אָרדנונג, אָדער גאָר צוליעב זיין שכל אַליין, וועלכער וועט איהם ווייזען דעם דרך-הישר, און די אַלע מער-דערייען, וואָס מענשען האָבען אַמאָל געטהוען, דאָס געהער שוין צו דער פערגאַנגענהייט — אָבער יעצט האָט זיך שוין די גאַנצע וועלט איבערצייגט, ווי פאַלש דאָס איז. אָט למשל דייטשלאַנד, אַ לאַנד וואָס האָט אַמ'מיינסטענס געפויקט אויף דעם וועלט-מאַרק מיט איהר חכמה און מיט איהרע גרויסע ערפינדערישע דערגריי-כונגען — איז היינט געוואָרען דאָס ערגסטע פון די אומות העולם, און נישט בלויז וואָס זי בעגעהט פערשידענע רציחות און מער-דערייען — נאָר זי ווייזט נאָך אויף מיט מכלומר'שטע שכליות'ן, אַז אַזוי מוז זי עס טהוען און אַזוי דאַרף עס זיין. זי גיט אַרויס פיעל ווערק צו כשר'ן דאָס נידעריגסטע און גע-מיינסטע, און ווייזט נאָך אויף מיט פערשידענע פלפולים של הבל, אַז דאָס געמיינהייט איז גאָר גוט.

אָבער ביי אונז איז דאָס נישט קיין נייעס. מיר ווייסען שוין פון לאַנג, אַז אָהן תורה געהערט דער מענש צום ערגסטען מין, און זיין גאַנץ לעבען פינסטערט ער אָב. שלמה המלך האָט נאָך פאַר קרוב דריי טויזענד יאָהר צוריק געזאָגט: כל דרך איש ישר בעיניו (יעדער זאַך וואָס דער מענש טהוט דאַכט זיך איהם אַז עס איז גוט אַזוי). נישט בלויז וואָס דער שכל בעסערט נישט

דעם מענש, נאָר אדרבה, דער שכל ווערט צוגעבויגען און אויס־געקרומט צו זיינע תאוות און גיט איהם צו פערשטעהן אויף שלעכטס אַז עס איז גוט. דער גנב למשל, ווען ער איז אַריינ־געטהוען אין זיינע גנבות, פערשטעהט אַז ער דאַרף גנב׳נען. ווי טרויעריג איז דעריבער, אַז עס זענען דאָ מענשען, וואָס האָבען נישט קיין חכמה און נישט קיין דעת, בעזיצען נישט קיין תורה און האָבען קיינמאָהל נישט געלערנט, און פלוצלינג ווערען זיי ביי זיך גאַנצע חכמים און אונטערשיידען, אַז די טייל תורה איז גוט און די טייל ח״ו נישט. אַ גע־וועהנליכען סכסוך צווישען צוויי מענשען, וועט דאָך קיינער נישט קאָנען פסק׳נען, אויב ער וועט נישט גוט אויסהערעןביידע צדדים און גוט אויפפאַסען דעם ענין — און דאָ, ער וואָס האָט קיינמאָל נישט געלערנט די תורה און ווייסט נישט וואָס שטעהט אין איהר, איז פלוצלינג געוואָרען אַ גאַנצער פוסק, וואָס ווייסט מכלומר׳שט וועלכען טייל תורה יאָ צו אָנער־קענען און וועלכע טייל חלילה נישט; זיין גאַנצע „חכמה״ בעשטעהט דאָך נאָר אין דעם וואָס ער געהט אָנגעטהוען אַ געפרעסטען אַנצוג, מכל שכן נאָך ווען ער לייענט אַלע טאָג אַ ציי־טונג, איז ער דאָך שוין גאָר אַ גרויסער „מלומד״. אָט לגבי די מענשען בלייבט אונז נישט מעהר איבער, נאָר ווי זיי צו וואונשען, דאָס השי״ת זאָל עפענען זייערע אויגען, אַז זאָ־לען אַליין דערזעהען ווי נאַריש זיי זענען און זאָלען פער־שטעהן, דאָס די גאַנצע „חכמה״ זייערע איז גאָרנישט.

אָט דאָס אַלץ האָט אברהם אבינו געזעהען פון פריהער, דעריבער האָט ער געזאָגט: „תאמר שהעולם הזה בלא מנהיג״, ער האָט נישט געזאָגט בלא „בורא״ אָדער „בונה״ נאָר בלא „מנהיג״, ווייל ווער עס גלויבט אפילו יאָ, אַז ג—ט האָט בע־שאַפען די וועלט, נאָר ער רעכענט אַז ער קאָן זיך אַליין פיהרען ווי ער פערשטעהט, מאַכענדיג זיך פשרות אין דער תורה, טייל מצוות וועט ער יאָ מקיים זיין און טייל נישט, אָט דאָס הייסט שוין נישט קיין ריכטיגער יוד און די גאַנצע וועלט איז לגבי איהם אַ בירה דולקת. מיר אָבער האָבען יאָ

אַ מנהיג, השי״ת איז אונזער מנהיג, ער האָט אונז איבערגע-בען די תורה און אָהן שום פשרות וועלען מיר זי אינגאַנצען מקיים זיין.

עס שטעהט אין חובת הלבבות, אויב דו וועסט זעהען אַ שעהן כתב וואָס איז געשריבען אויף אַ פאַפּיר און עס וועט ווער דיר וועלען איינרעדען, אַז דער טינט האָט זיך אויס-געגאָסען און פון זיך זעלבסט האָט זיך עס אָנגעשריבען, צו וועסטו דען נישט לאַכען פון דעם מענש און זאָגען, אַז ער איז משוגע? מכל-שכן ווען מען זעהט די וועלט מיט איהר גאַנצען פערנעהם, וואָס איז פיעל מיט פערשידענע ברואים, גרויסע און קליינע און יעדע זאַך איז צוגעפּאַסט איינע צו דער אַנדערער. למשל, ווען עס וואָלט נישט געווען קיין תבואה און פירות וואָלט דער מענש און אַלע אַנדערע ברואים נישט געקאָנט לעבען, און ווען נישט וואָס עס רעגענט וואָלטען דאָך די תבואה און פירות נישט געוואַקסען. די וועלט אַליין שרייט און רופט, אַז ג-ט, דער גרויסער ג-ט האָט זי בעשאַפען. דוד המלך זאָגט: השמים מספרים כבוד א׳ ומעשה ידיו מגיד הרקיע. עס ווערט געבּרענגט אין ירושלמי, אַ תנא האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: חייכם, כשם שהבית מעיד על בונאו, כך העולם מעיד על בוראו. (פערוואָהר איהר לעבט, אַזוי ווי דאָס הויז זאָגט עדות אויף איהר בוי-מייסטער, אַזוי זאָגט די וועלט עדות אויף איהר בעשעפער). אָבער נישט בלויז צוליעב דעם אָדער יענעם שכל אַליין גלויבען מיר אין ג-ט, נאָר מיר זענען עס מרגיש אין אונזערע הערצער און אין אונזער בלוט, און דאָס האָבען מיר בירושה פון אונזערע עלטערן ביז אברהם אבינו. אויב איינער איז אַ מאמין נאָר בלויז צוליעב׳ן שכל, איז עס פונקט ווי אַ קינד וואָס האָט ליעב דעם פאָטער נאָר צוליעב די אָדער יענע סבה, וואָס עס איז אַ סימן אויף דער פערדאָרבענקייט פון קינד, וואָס איז נישט מרגיש אויפ׳ן פנימיות׳דיגען התקשרות צום פאָטער.

השי״ת ווערט אָנגערופען אלקי ישראל. ס׳שטעהט אין מדרש תנחומא פ׳ קדושים: די מלאכים זענען מהלל דעם אויבערשטען מיט

דעם נאָמען. זיי זאָגען: ברוך ד׳ אלקי ישראל. מיר ווערען אָנגערופען עם ד׳ (ג–ט׳ס פאָלק) בני בכורי ישראל. ווען מיר זענען נאָך געווען אין מצרים, געאַרבייט בחומר ובלבנים אַלס קנעכט צו פרעה, האָט זיך דער גרויסער, שטאַרקער ג–ט ב״ה, מיט אונז נישט געשעמט, ער האָט געשיקט צו פרעה זאָגען: בני בכורי ישראל, ג–ט איז אונזערער און מיר זענען זיינע. אונזער אמונה און התקשרות בד׳ ליגט אין אונזער נאַטור אוי מיר זוכען גאָרנישט קיין שכל דערויף.

די התחלה פון התקשרות לד׳ איז געווען ביי אברהם אבינו. באַלד פון אָנהויב האָט השי״ת געטהוען אויף איהם אַ בליק און געזאָגט: אני הוא בעל הבירה. און נישט בלויז אויף אברהם אבינו אַליין, נאָר אויף יעדען יוד לפי ערכו טהוט השי״ת מציץ זיין און דער ניצוץ אלקי ווערט נתגלה אין זיין האַרץ. „מציץ״ הייסט אָבער נישט גוט-זעהען נאָר בלויז אַ „בליק״ טהוען, מלשון מציץ מן החרכים (ער טהוט „בליקען״ פון די שפּאַלטען). דעריבער פיעל מאָהל טהוט השי״ת אַ בליק צום האַרץ און נפש פון יוד און זאָגט איהם: „אני הוא בעל הבירה״ איך בין דער אדון עולם און דיין ג-ט. דער מענש הערט אָבער נישט און פיהלט דאָס גאָרנישט, ווייל ער איז אַ גאַנצען טאָג טרוד אין זיינע געשעפטען און איז איינגעטהוען אין זיינע תאוות וואָס ער יאָגט זיך נאָך זיי, ווען אָבער ער איז זיך מיישב און לכל הפחות צייטענווייז, איז ער זיך מרחק פון דעם רוישענדען וועלט-קעסעל, פון זיינע געדאַנקען און תאוות און איז זיך קובע זמנים לתורה, ווער עס קאָן – לערנט אַליין און ווער עס קען נישט אַליין, נעמט זיך צונויף נאָך עטליכע יודען און שאַפט זיך אַ רבי׳ן וואָס זאָל מיט זיי לערנען, – אָט אין די הייליגע זמנים דערפיהלען זיי אַ הרהור און אַ מחשבה טובה, אַז ד׳ הוא אלקים, און דאָס איז דער דבר ד׳ וואָס דאָס נפש פון יוד דערהערט.

אָבער דאָס איז אָבהענגיג אין קוק פון מענש אויף דער וועלט. אויב ער זעהט, אַז די וועלט אָהן הנהגת ד׳ און אָהן תורה איז אַ בירה דולקת, דענסטמאָהל טהוט השי״ת אויף איהם

אַ בליק. דער אָבער, וואָס רעכענט אַז דער תכלית פון דער וועלט איז נאָר צו אַרבייטען, ער זאָל האָבען צו עסען, טרינקען, שלאָפען און זיין גאַנץ לעבען פערברענגען בכלב וכעכבר, צו דעם וועט השי״ת נישט מציק זיין און צו זיין נפש וועט דער קול ד׳ נישט געהערט ווערען, ער וועט בלייבען זיין גאַנץ לעבען נישט בעסער ווי אַ כלב ועכבר. זאָל זיך נאָר דער מענש בעטראַכטען, ווי אַזוי זעהט אויס אפילו ביי זיך אַליין אַזאַ שטייגער נידריגער מענש. צו וועט מען רוהמען אַ נפטר, אַז ער איז געווען זעהר אַ געהויבענער מענש דערמיט, וואָס ער האָט אַ סך געגעסען און געטרינקען פיעל בראָנפען, אָדער וואָס האָט זיך אַלע טאָג געלעגט שלאָפען נאָך מיטאָג? אויב אַ מענש וויל וויסען, ווי אַזוי ער וועט אויסקוקען איבער הונדערט און צוואָנציג יאָהר במרום, זאָל ער קודם זעהן ווי אַזוי ער קוקט אויס ביי זיך זעלבסט. למשל, מען וועט איהם פרעגען במרום, האָסטו געלעבט אַזוי פיעל יאָהרען, חדשים, טעג און וואָכען, וואָס האָסטו אויפגעטהון? וועט ער ענטפערן, כ׳האָב געאַרבייט אָדער געהאַנדעלט, כ׳בין געווען אַזוי אַריינגעטוהען אין לעבען, אַז כ׳האָב נישט אפילו געהאַט קיין צייט צו דאַוונען. איך האָב מיך אַזוי געיאָגט ביים דאַוונען, אַז איך האָב צומאָל נישט געוואוסט וואָס איך רעד. אויב כ׳האָב יאָ געהאַט עפעס צייט, האָב איך גערעדט לשון הרע, רכילות און אָנגעמאַכט מחלוקות. כ׳האָב כסדר געטראַכט ווי אַזוי אָנצומאַכען נייע מחלוקות׳ן, צוליעב דעם האָב איך געזאָגט ליגען אָהן אַ שיעור. און הגם אויף דער וועלט טהוט זיך דער מענש מצדיק זיין און געפונט אויף אַלעם פערשידענע תירוצים, אָבער דאָס האַרץ ווייסט דאָך דעם אמת, אַז די אַלע תירוצים וועלען במרום גאַרנישט אָנגעהן, און ווי אַזוי וועט ער דאָרט אויסזעהן?

## ב.

היות, ווי איך וויל אונזערע ווערטער צופאַסען צו די אַלע מענשען, וואָס געפינען זיך דאָ, בעסערע, קנאַפּערע און גאָר קנאַפּע, דעריבער מוז איך רעדען פון די פערשידענע רעיונות, וואָס געהן אַדורך ביי פערשידענע מענשען.

עס איז דאָ מענשען וואָס קלערען, פאַר וואָס פערלאַנגט מען פון אונז יודען, מעהר ווי פון אַלע אַנדערע אומות־העולם; דאָ האָט מען אונז געוואָרנט אויפ'ן עסען. וואָס יאָ צו עסען און וואָס נישט. דאָרט ווידער, אויפ'ן רעדען און טראַכטען, ווי אַזוי דאַרף אַ יוד צו רעדען און וואָס ער טאָר נישט רעדען וכו'. די אומות־העולם זענען דאָך גאָרנישט בעגרעניצט אין דעם אַלעם און האָבען נישט קיין שום עול אויף זיך? אייגענטליך דאַרפען מיר אַזאַ מענש — וואָס פערגלייכט זיך צו די אוה"ע — גאָרנישט ענטפערען. בפרט, לויט ווי מיר האָבען פריהער גערעדט, הייסט דאָס פונקט ווי אַ קינד וואָלט זיך געפרעגט: פאַר וואָס דאַרף איך ליעב האָבען דעם טאַטען, דאָס איז אַ סימן פון זיין נידריגען כאַראַקטער און התרחקות משורש ישראל. דער רצון פון השי"ת איז דאָך אָבער מקרב צו זיין יעדען יוד, לבל ידח ממנו נדח, ווייל אַלע זענען דאָך דעם אלקי ישראל'ס קינדער, און פונקט ווי אַ טאַטע פרעהט זיך, ווען זיין פערשטויסען קינד קומט צוריק צו איהם — אַזוי איז גרויס די שמחה פון כביכול ווען אַ בעל עבירה טהוט תשובה. אויך יעדער יוד דאַרף זיך פרעהען ווען אַ שעפּסעלע פון השי"ת'ס סטאַדע, וואָס האָט פערבלאָנדזשעט פון (ג—ט'ס) וועג, קערט זיך צוריק צו השי"ת, ובפרט יעצט שבת תשובה, ווען עס איז אַ זמן תשובה, וועלען מיר דעריבער איהם אויך ענטפערען: אַז מיט זיינע מחשבות פאַר וואָס דער יוד איז מעהר בעגרעניצט ווי דער נישט־יוד, איז פונקט גלייך, ווי איינער וואָס האָט געהאַט אַ שעהנעם הערליכען פרדס פון אתרוגים און פאָמעראַנצען, וועלכער איז ווערט געווען אַ הון רב. ער

האָט אָבער ביים גאָרטען כסדר געמוזט אַרבייטען מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג בייטאָג און ביינאַכט, האָט זיך דער בעל הפרדס געקלאָגט אויף זיין גורל און האָט מקנא געווען זיין שכן אַ געוועהנליכען פויער, וואָס האָט אַ פעלד פון קאַר־טאָפעל און ער ברויך גאָרנישט דערביי אַזוי פיעל צו אַרביי־טען. וואָס פאַר אַ שוטה מוז עס זיין דער מענש וואָס קלאָגט אויף דעם וואָס ער האָט אַ פרדס פון פּאָמעראַנצען און נישט קיין פעלד פון קאַרטאָפעל, ווי יענער אָרימער פויער. ישעיהו הנביא רופט אויס: כי כרם ד׳ צבאות בית ישראל ואיש יהודה נטע שעשועיו — אַלע יודען צוזאַמען זענען ג–ט׳ס וויינגאָרטען און יעדער יוד איז ג–ט׳ס צווייגעל, צו פערשטעהט מען דען נישט, אַז דעריבער דאַרפען מיר האָבען מעהר שמירה און מעהר אַרבייט ווי אַלע אנדערע?

עס זענען פערהאַנען פיעל שונאי ישראל וואָס לאַכען פון אונז, דאָס מיר זענען „אתה בחרתנו׳ניקעס״. דאָס זעלבע טענה׳ן אויך אַ טייל פרייע יודען, וועלכע מאַכען אַלץ נאָך דעם גוי און זיי לייקענען אין געהויבענקייט פון יודען, זיי זאָגען: נהי׳ ככל הגוים בית ישראל. נו, זאָלען זיי זאָגען וואָס זיי ווילען. אָבער לאָמיר טאַקע זעהן, צו קאָנען מיר זיך פערגלייכען צו אַלע אַנדערע אומות־העולם? אמת איז, אַז די צורה פון גאַנצען כלל ישראל זעהען מיר היינט נישט אַרויס, ווייל אַזוי ווי מיר זענען פערטריבען געוואָרען פון אונזער לאַנד, אַזוי זענען מיר פערטריבען געוואָרען פון זיך אַליין אויך, און נאָך דערצו ווען פיעל פון יודען האָבען זיך געשטעלט פאַר אַ אויפגאַבע נאָר די וואָכענדיגע וועלט־חכמה, דעריבער האָבען זיי פון זיך דעם עצמות ישראל דערווייטערט, זיין גייסט און נשמה מאבד געווען. זאָלען מיר אָבער נאָר אַ קוק טהוען אויף די יודען פון פערצייטענס, ווי אַזוי האָט דענסמאָהלט אויסגעזעהן דער יודישער גייסט? ווייל פונקט ווי יעדער בעזונדער האָט אַ רוח, אַזוי בעזיצט אַ גאַנץ פאָלק אויך אַ רוח (דער גייסט פון פאָלק). מיר רעדען, למשל, פון ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך אַזוי ווי פון איין מענש, „דער גייסט פון ענגלענדער״, „דער

כאַראַקטער פון פראַנצויז״. און וואָס פאַר אַ צורה האָט פער־
צייטענס געהאַט דער יודישער רוח? אין דער צייט ווען די
גריכישע געלעהרנטע האָבען עוסק געווען אין פערשידענע
וויכּוחים וועגען די מכלומר׳שטע חכמה פון „סאָפיזם״, וואָס
אַלע ווייסען שוין יעצט אז עס איז נישט מעהר ווי שטותים
און הבלים, און דאָס וואָרט „סאָפיזם״ איז געוואָרען אַ סימן
פון נאַרישקייט, ווייל אויב מען וויל אָנרופען עפעס אַ נאַרישע
זאַך, זאָגט מען: דאָס איז סאָפיסטיש — אין דער זעלבער
צייט איז — להבדיל — דער רוח פון יודען געווען, אַרויסצו־
צוגעבען נבואי ד׳, וואָס האָבען געהערט ג-ט׳ס ב״ה רייד,
און די הייליגע פייערדיגע רייד לערנען די גאַנצע וועלט
ביז׳ן היינטיגען טאָג, און ביז אייביג וועלען זיי עס לערנען.
און נישט בלויז די אַכט און פערציג וואָס זענען אויסגערע־
כענט, זענען געווען נביאים, די גמרא זאָגט: אַז דענסמאָהל איז
געווען אַ מיליאָן מיט צוויי מאָל הונדערט טויזענד נביאים נאָר
די נבואה וואָס מען האָט בעדאַרפען לדורות איז געוואָרען
אויפגעשריבען און די נבואה וואָס איז געווען נאָר פאַר
זייער דור אַליין, איז נישט געוואָרען אויפגעשריבען. און אין
דער צייט ווען די רוימער האָבען געהערשט, און זענען
געווען בעקאַנט מיט זייערע מערדערייען און רציחות, וואָס
דאָס איז געווען זייער ציעל און רוהם — אין דער זעלבער
צייט האָט דאָס יודישע פאָלק אַרויסגעגעבען פון זיך, תנאים
ואמוראים, וואָס האָבען מגלה געווען תורה שבעל פה און די
תורת המוסר עפ״י התורה. זיי האָבען אויך מגלה געווען די
קבלה, וואָס דאָס איז ידיעת ד׳ און ידיעה פון אַלץ וואָס
געפונט זיך במרום. בכלל זעהט זיך אויס, אַז דאָס שטרעבונג
און ציעל פון גאַנצען פאָלק איז דענסמאָהל געווען זיך מכשיר
צו זיין, אַז עס זאָל אויף זיי רוהען אַ רוח ד׳ בנבואה. נאָך
משה רבינו האָט געזאָגט: מי יתן והי׳ עם ד׳ נביאים. אַ מענש
וואונשט זיך, אַז ער זאָל האָבען פרנסה און עשירות, ווייל צו
דעם שטרעבט ער, אָבער ער וועט זיך נישט וואונשען, אַז ער
זאָל ווערען אַ קעניג, כאָטש עס איז אַ בעסערער וואונש, ווייל

צו דעם שטרעבט ער נישט און האָפט נישט דערצו. אַז משה רבינו האָט געזאָגט: מי יתן והי׳ כל עם ד׳ נביאים, כי יתן את רוחו עליהם — איז דאָך גאַנץ קלאָר, אַז די נבואה מיט השארת רוח ד׳ איז געווען דער ציעל און שטרעבונג פון גאַנצען פאָלק. אויך אין די שפּעטערדיגע דורות זאָגט די גמרא אין פסחים: ישראל אם אינן נביאים בני נביאים הן, ד. ה. אַז כאָטש די נבואה האָט היינט אויפגעהערט, גשפּונט זיך דאָך אַ ניצוץ פון נבואה אין יעדען יוד, אפילו אין אַ גאַנץ געווענליכען. אָט דאָס איז דער רוח פון כלל ישראל, דער כרם ד׳ צבאות. אויב אָבער ער וועט זיך נישט לאָזען פיהרען, לויט ווי דער בעל הכרם וויל איהם פיהרען, זאָל ער וויסען, אַז די טבע פון פּאָמעראַנצען און אתרוגים זענען, אַז אויב מען היט זיי נישט גיט אָב, זענען זיי טייל מאָל ערגער ווי קאַרטאָפעל. צי זעהען מיר דען דאָס נישט אפילו ביי פּשוט׳ע מענשליכע כחות און פעהיגקייטען, למשל, אויב איינער האָט פעהיגקייטען צו זיין אַ חכם, דער צווייטער אַ מאָלער, דער דריטער אַ טרעגער, אויב יעדער איינער ענטוויקעלט זיינע פעהיגקייטען, וועט יעדער זיין אַ גוטער פאַכמאַן. אויב אָבער זיי וועלען זייער אַרבייט פערטוישען, דער חכם וועט ווערען אַ מאָלער, דער מאָלער אַ טרעגער אָדער פערקעהרט, דענסמאָהל וועלען זיי זיין די ערגסטע בעלי-מלאכות.

אָט דאָס איז די צורת ישראל מיט זיין רוח ונשמה, אַ נבואה׳דיג פאָלק און אַ תורה-פאָלק, תורה איז נבואית — און יעדער יוד מוז זיך פיהרען, לויט ווי השי״ת פיהרט איהם, אָבער נישט בלויז דורך דעם ווייל ער פערשטעהט אַזוי מיט זיין מענשליכען שכל און אויך נישט בלויז אין דער צייט ווען ער טהוט אַ מצוה אָדער בשעת תורה ותפילה, נאָר זיין גאַנץ לעבען מוז זיין צוגעפּאַסט צו דעם איינציגען ציעל: מגלה צו זיין דעם רוח ישראל. דוד המלך האָט געבעטען אין תהלים: הורינו ד׳ דרכך (ווייז מיר ג-ט דיין וועג). די כוונה דערפון איז, אויב איינער געהט אין וועג מיט׳ן צוועק צו קומען צו אַ געוויס אָרט, אויך דער עסט, טרינקט און שלאָפט,

אָבער דאָס אַלץ איז געוואָנדען צו איין ציעל: צו דעם ציעל ווי ער דאַרפט געהן; למשל, ער וועט נישט עסען אַזעלכע מאכלים, וואָס זאָלען איהם פערשאָדען אויפ׳ן וועג, ער וועט נישט טרינקען אַזעלכע משקאות וואָס ער זאָל דאַרפען נאָך זיי שלאָפען, ער וועט זיך לייגען שלאָפען נאָהנט צו דער באַהן בכדי ער זאָל נישט פערשפעטיגען די באַהן וכו׳. דאָס הייסט, אַז נישט בלויז אין דער צייט ווען ער פאָרט פאַקטיש, מאַכט ער די נסיעה, נאָר בכלל אַלץ וואָס ער טהוט דענסמאָהל איז צוגעגרייט צו דער נסיעה. דאָס איז דער פשט: הורינו ד׳ דרכך, (ווייז מיר ג–ט דיין וועג) אין מיין גאַנץ לעבען זאָל איך זעהען נאָר אַ וועג און איך זאָל מיך אויך פיהרען ווי איינער וואָס געהט אין וועג, צו דיר גרויסער באַשעפער! הן ביי מיין עסען, טרינקען, עוסק זיין אין מסחר אָדער מלאכה, ביי דעם אַלעם — זאָל איך זיין אַ יוד אין דער רוח ישראל, זאָל דורך אַלעם געזעהן ווערען.

איך בין אַזוי זיכער אין דעם רוח ישראל, דעם רוח הקדושה וואָס געפונט זיך אין יעדען יוד און אין דעם גאַנ-צען פאָלק — דאָס איך רעכען, אַז אויך אַ טייל פון די פאַר-טייען, וואָס זענען אַזוי נתרבה געוואָרען לעצטענס צווישען יודען און אפילו פון די פרייע פאַרטייען, דאָס אויך דער גרונד פון זיי, איז אויך דער ניצוץ ישראל וואָס איז אין זיי איינגעוואורצעלט. דער מענש אַליין ווייסט טאַקע נישט וואָס עס טהוט זיך אין איהם, אָבער יודען זענען דאָך דער נטע שעשועיו פון השי״ת, דעריבער איז דער רוח הקדושה וואָס געפונט זיך אין יעדען יוד, וועקט און שטראָפט איהם פאַר זיינע נישט גוטע מעשים, פאַר זיין עזיבה און נמיכיות. און בכדי צו בערוהיגען זיין געוויסען, שאַפט דער מענש אַ פאַרטיי אָדער שטעהט-צו צו אַ פאַרטיי וואָס האָט אַ גוטען אידעאַל און טהוט זיך אַליין מצדיק זיין, אַז ער טהוט שוין גוט׳ס. אָבער די תורה לא תהא מחולפת ולא תהא תורה אחרת, מען קאָן די תורה אָדער אפילו איין מצוה פון די תורה אויף פערשידענע אידעאַלען ח״ו נישט פערטוישען, ווי כ׳האָב שוין

דערמאָנט דעם מדרש: תאמר שהבירה בלא מנהיג. דער עיקר איז, יעדער יוד זאָל וויסען, אַז ער קאָן זיך נישט פיהרען אַליין מיט זיין מענשליכען שכל, נאָר השי״ת מיט זיין תורה וואָס האָט אונז געגעבען, זיי טהוען אונז פיהרען.

דעריבער ווער עס פיהרט זיך עפ״י תורה און וויל מוסיף זיין מעשים טובים עפ״י תורה און ער האָט נישט קיין מעג־ליכקייטען עס אַליין צו טהוען — אויב ער שאַפט אַ חברה „ביקור חולים״ אָדער „גמילת חסדים״ וכו׳ איז זעהר גוט. ווער עס וויל אָבער זיין פוסטקייט, דעם חסרון התורה און מצוות, אויספיהלען בלויז מיט אַ געוויסען „אידעאַל״ אָדער פאַרטיי, איז אויסער דעם וואָס אָהן תורה הייסט מען נישט קיין יוד — נאָר ער איז נאָך מוסיף חטא על פשע, ווייל דער ניצוץ ורוח ישראל וואָס געפינט זיך אין איהם און וועקט זיין געוויסען — ווערט קאַליע און פערקרימט און ווערט אויסגענוצט צו אַ פאַרטיי פון אפיקורסות.

פאַר עטליכע יאָהר צוריק, האָב איך געהערט פון אַ פאָרשטעהער פון אַ געוויסע נאַציאָנאַלע אָבער פרייע פאַרטיי, וואָס האָט געזאָגט צו אַ רעליגיעזען יוד: וואָס ווילט איהר פון אונז? דער נאַציאָנאַליזם איז דאָך ניינציג פראָצענט יודיש־קייט. איך וויל יעצט נישט רעדען וועגען נאַציאָנאַליזם און צו עס איז טאַקע ניינציג פראָצענט יודישקייט. אָבער היות ווי איך זעה, אַז דאָס איז אַ אַלגעמיינער טעות — און לויט ווי מיר האָבען פריהער געזאָגט, אַז צוליעב דעם געוויסענס־ביסען, וואָס דער ניצוץ הישראלי דערוועקט אין יוד, וויל ער זיך גערעכט מאַכען דערמיט, וואָס ער איז אַ מיטגליעד פון אַ נאַציאָנאַלע פאַרטיי, וואָס דאָס איז מכלומר׳שט ניינציג פראָצענט יודישקייט, דעריבער איז כדאי ביי דעם זיך אַ ביסעל אָבצו־שטעלען און אויפצווייזען דעם טעות.

זאָלען מיר אפילו מסכים זיין מיט דער מיינונג פון יענעם פאָרשטעהער פון דער פאַרטיי, אַז נאַציאָנאַליזם איז ניינציג פראָצענט יודישקייט, קאָן מען עס פערגלייכען צו אַט דעם משל: ווי עס איז בעוואוסט, ווערט פאַר די סטודענטען

וועלכע שטודירען מעדיצין אַוועקגעלעגט אַ טויטער קערפּער, וועלכן די סטודענטען צושניידען און אונטערזוכען, צו געפינען די סבה פון זיין טויט. האָט אַמאָל אַ סטודענט צושניטען אַ טויטען קערפּער, בכדי צו דערגעהן די סבה פון זיין טויט, אָבטוהענדיג זיין אַרבייט, ווענדעט ער זיך צום פּראָפעסאָר: ה׳ פּראָפ. איך ווייס שוין די סבה פאַר וואָס דער מענש איז געשטאָרבען. פאַרוואָס? — ווייל ס׳פעלט איהם אַ פוס. — נישט דאָס איז די סבה פון טויט — האָט דער פּראָפעסאָר איהם ערקלערט — ווייל אַ מענש קאָן לעבען אפילו ווען עס פעהלט איהם ביידע פיס, זיכער איז זיין קרענק געוועזן עפּעס אַנדערש. אַ צווייט מאָל, האָט ער ווידער גענומען אַ טויטען קערפּער און נאָכאַמאָל איהם צושניטען, בכדי צו דערגעהן די סבה פון זייט טויט. דער פּראָפעסאָר, זעהענדיג ווי עס געדויערט אַזוי לאַנג און דער סטודענט איז אַלץ נאָכנישט פערטיג מיט דער אַרבייט, איז ער אַריינגעגאַנגען צום סטודענט זיך דערוויסען פאַר וואָס עס געדויערט אַזוי לאַנג. — ה׳ פּראָפּ. — האָט דער סטודענט צו איהם געזאָגט, מיט גרויסע טראָפּענס שווייס אויף זיין פנים — שוין עטליכע שעה ווי איך אַרבייט שווער און קאָן בשום אופן נישט דערגעהן די סבה פון זיין טויט. — האָסט טאַקע גאָרנישט געפונען? — האָט זיך דער פּראָפעסאָר געוואונדערט. כ׳האָב אפילו יאָ געפונען, עפּעס אַ קליינינגקייט — האָט דער סטודענט געענטפערט — אָבער דאָס איז נישט וויכטיג, ס׳פעלט איהם אַ שטיקעל פלייש, — דאָס האַרץ, אָבער דו אַליין האָסט דאָך אונז געלערנט, אַז אפילו ביידע פיס פעהלען קאָן מען אויך לעבען. — שוטה! שוטה! האָט דער פּראָפעסאָר צו איהם אויסגערופען — עס ווענדעט זיך וואָסערע אברים עס פעהלען, דער מענש פערמאָגט צוויי הונדערט אַכט און פערציג אברים, זאָל ער אפילו האָבען צוויי הונדערט זיעבען און פערציג אברים, נאָר בלויז דאָס האַרץ זאָל איהם פעהלען, זאָגאַר אַ שטיקעל פון האַרץ אויב ער האָט נישט, קאָן ער שוין נישט לעבען. דאָס זעלבע איז אויך מיט די וואָס זאָגען, אַז נאַציאָ־נאַליזם איז 90 פּראָצענט יודישקייט, אפילו לויט זייער מיינונג

וואָס קומט אָבער אַרויס, ווען דער עיקר, די תורה (דאָס האַרץ) פעהלט. דער עצם פון יוד איז די תורה און אויב איינער היט נישט די תורה בפועל, איז ער קיין יוד נישט ר״ל.

## ג.

ווען אונזערע עלטערן זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני מקבל צו זיין די תורה, האָבען זיי מקדים געווען נעשה לנשמע. זייער הייליגער מצב אין דער צייט ווען זיי האָבען געזעהן כביכול, קאָנען מיר גאָרנישט משיג זיין, זייענדיג אויף אַזאַ הויכע מדרגה, האָבען זיי געקאָנט מקדים זיין נעשה לנשמע, (מיר וועלען טהוען און הערען), פריהער טהוען און דערנאָך הערען. די תורה איז אַ נצחית (אייביגקייט) אויך די קבלת-התורה איז אַ נצחית, דעריבער דאַרפען מיר אויך היינט, לויט אונזער מצב — מקדים זיין נעשה לנשמע.

עס זענען פערהאַן ענינים, וועגען וועלכע דער מענש זאָגט: איך וועל הערען, אויב עס וועט מיר געפעלן וועל איך טהוען. דאָס קאָן אָבער נישט זיין לגבי די תורה. עס ווערט געברענגט בספרים הקדושים: אַז ווער עס טהוט אַזוי ד. ה. אַז ער טהוט די מצוה נאָר ווייל ער פערשטייט זי, איז די מצוה נישט בשלימות, ווייל דאָס איז דאָך, אַז ער טהוט זי נאָר צוליב זיין שכל און רצון, אָבער נישט צוליעב'ן רצון ד׳. די גמרא זאָגט דערויף: מנין שלא יאמר אדם, נפשי קצה בבשר חזיר וכו׳, אבל יאמר אפשי, ומה אעשה ואבי שבשמים גזר עלי (דער מענש זאָל נישט זאָגען: דעריבער עס איך נישט קיין חזיר, ווייל עס איז מיר פער'מיאוס'ט — איך וואָלט עס גערן געגעסען, נאָר וואָס זאָל איך טהוען, אַז השי״ת האָט אויף מיר גוזר געווען). עס זענען אָבער פערהאַנען זאַכען, וואָס דער מענש איז אויף זיך מקבל צו טהוען, אַלץ וואָס

מען וועט איהם נאָר זאָגען, צי ער וועט יאָ פערשטעהן צי נישט, צי ער וועט יאָ וועלען דאָס טהוען צי נישט, ער וויל נאָר גיט אויפפּאַסען דאָס וואָס מען זאָגט איהם, כּדי ער זאָל קאָנען אַלץ געגוי טהוען, שטרענגט ער דעריבער אָן זיין געדאַנק אַלץ צו הערען. דעריבער, ווען די יודען וואָלטען בעת קבלת־התּורה פריהער געזאָגט „נשמע" (מיר וועלען הערען) און דערנאָך „נעשה" (מיר וועלען טהוען) וואָלט מען געקאָנט מיינען אַז זייער כּוונה איז געווען, אַז זיי ווילען די רייד פריהער הערען, בכדי זיי זאָלען מיט זייער שכל וויסען צו זיי זאָלען די זאַך מקיים זיין, דעריבער האָבען זיי געזאָגט פריהער „נעשה", ווייל אויב השי"ת הייסט דאָס טהוען, וועלען מיר עס טהוען כאָטש מיר ווייסען נאָכנישט וואָס פאַר אַ זאַך דאָס איז, און מיר ווייסען אויך נישט, צו מיט אונזער שכל וועלען מיר עס משיג זיין צו מיר זאָלען עס טהוען. דערנאָך האָבען זיי געזאָגט „נשמע" ד. ה. מיר וועלען אויסהערען גענוי וואָס השי"ת רעדט און וואָס ער איז מצווה, כּדי גענוי צו וויסען ווי אַזוי אַלץ צו טהוען וואָס השי"ת הייסט אונז. אויך דאָס וואָס מיר לערנען היינט און שטרענגען זיך אָן צו פערשטעהן אַלעס גענוי, הייסט דאָס נישט אַז מיר ווילען וויסען, צו די תּורה איז גוט אָדער ח"ו נישט, אָדער פּרובען די דברי ד' — ניין! הס מלהזכּיר. דער לימוד איז נאָר צו וויסען און פערשטעהן די דברי ד', מה דיבר ד' און וואָס ער איז אונז מצווה, ווי אַזוי צו קאָנען זיין רצון הקדוש גענוי ממלא זיין און ווי אַזוי וועלען מיר זיך צו זיין הייליגקייט מקרב זיין אויף דער וועלט און בעולם הבא. אָבער פערשטעהן די תּורה, די דברי ד' קאָן מען דענסמאָל, ווען מען לערנט אַ סך יאָהרען ביגיעה.

דער מענש ווי ער ווערט געבוירען, האָט נישט קיין דעת און אפילו ווען ער וואַקסט אויף, אויב ער ווערט דערצויגען אין אַ וואַלד ווייט פון מענשען, כאָטש ער האָט אַ גוטען מוח צו לערנען און פערשטעהן, בלייבט ער דאָך ווילד אָהן שכל. דאָס איז דערפאַר, ווייל ווען דער מענש ווערט געבוירען, איז

זיין חכמה נאָר בכח נישט בפועל, זי איז אין איהם פערבאָר־
גען און ער דאַרף זי אַרויסברענגען און ענטוויקלען. דעריבער
זעהען מיר, אַז עס איז פערהאַן געלערנטע מענשען מיט גרוי־
סע נעמען אין זייער פאַך, וועלכע זענען טראָץ דעם אין
עניני מסחר גאַנץ נאַאיוו און אפילו פערנאַרט, אַזוי אַז אַ
קרעמער פון אַ קליין געוועלבעל קאָן זיי גוט אַריינּנאַרען און
פערדרעהען די קעפּ, פאַרוואָס ? ווייל נאָר אין די ענינים
וועלכע זיי זענען עוסק, האָבען זיי זייער שכל ענטוויקעלט,
איינער אין כעמיע דער צווייטער אין טעכניק וכו׳ און אין
אַלע אַנדערע געביטען, האָבען זיי כמעט נישט קיין השגה, דערי־
בער איז פאַר זיי די עניני מסחר כמעט אינגאַנצען פרעמד,
ווייל זיי האָבען נישט מיט וואָס דעם מסחר צו פערשטעהן,
זיי האָבען נישט קיין שכל פאַר׳ן מסחר אין זייער מוח איז
אויף דעם געביעט נישט ענטוויקעלט. דער סוחר אָבער האָט
מוציא געווען זיין גאַנצען שכל אין מסחר, דערפאַר איז ער
אַ פעהיגער סוחר. דעריבער די אַלע חכמים פון חכמת־העולם —
נישט דער וואָס זיין גאַנצע „חכמה״ בעשטעהט, וואָס ער
לייענט אַלע טאָג אַ צייטונג, אָדער געהט אָנגעטהוען אַ געפרעסטען
אַנצוג, ווי מיר האָבען פריהער גערעדט — נאָר אפילו די
ווירקליכע חכמי העולם, וועלכע ווילען מיט זייער וועלטליכען
שכל פערשטעהן די תורה, מכל שכן אויב זיי פרעגען נאָך
קשיות אויף איהר און מעסטען זי מיט זייער שכל — צי אָט
די מענשען זאָגען מיר: נעמט אַוועק אייערע ווידלעס פון
קייזערליכען טאָרט! דאָרפ׳ס־מענשען בענוצען זיך אין דאָרף
מיט דער ווידלע, מ׳קאָן זיך זאָגאַר אָהן איהר נישט בעגעהן,
מען מוז זי האָבען אַרויפצולעהגען שטרוי און תבואה אויף די
וועגענער —און אָט מיט די ווילדע קומט איהר אין קייזערליכען
פאַלאַץ און ווילט נעמען דעם קייזערליכען טאָרט, וואָס צו
דעם דאַרף מען האָבען גאָלדענע גאָפּלען, וואָס נאָר אין קיי־
זערליכען פאַלאַץ קאָן מען זיי בעקומען? אייער שכל האָט
דאָך נאָר די וועלט אין אייך ענטוויקעלט און אויך נאָר
אין אייער בערוף, דעריבער נאָר אין וועלטליכע

פּנינים און דוקא אין די וועלכע יעדער פון אייך האָט זיך ענטוויקעלט, קאָנט איהר איהם בענוצען, און אויך נאָר קאָמבינירען און נישט פערשטעהן; למשל, מאַכען אַ לאָקאָמאָטיוו איז אַ חכמה, פון וואָס בעשטעהט די חכמה? היות ווי די טבע פון פּאַרע איז, אַז זי שטופּט און בעוועגט, קומט אויס אַז ווען מען קאָמבינירט די פּאַרע מיט צילינדערס, שטופּט די פּאַרע די צילינדערס און דאָס בעוועגט די רעדער זאָלען זיך דרעהען. אָדער גאָר אַסטראָנאָמיע, וואָס מענשען מיינען אַז דאָס איז אַ חכמה וואָס איז העכער פון גשמי עולם הזה — איז אויך נישט מעהר ווי אַ קאָמבינאַציע פון די ידיעות הכחות, ווייל דער אַסטראָנאָם זעהט, אַז דער גאַנג פון דער לבנה דויערט כך וכך, דער גאַנג פון דעם אָדער יענעם שטערן געדויערט כך וכך, ממילא קומט אויס, אַז דער שטערן וועט זיך די צייט געפונען צווישען די זון און לבנה און עס וועט זיין אַ לקוי וכו׳. אָבער וואָס איז דער כח וואָס בעוועגט זיי אַזוי צו געהן, און וואָס איז די כוונה ותכלית אַז זיי זאָלען אַזוי געהן רעגעלמעסיג און כסדר קרוב זעקס טויזענד יאָהר, און וואָס איז דער כח המושך און כח הדוחה פון דעם אַלעם, דאָס קאָן קיינער נישט פערשטעהן, ווייל דאָס איז נישט קיין שכל נאָר דער כח ד׳ פיהרט עס, השמים מספרים כבוד א׳ וכו׳.

דאָס הייסט, אַז דאָס וואָס מיר רופען אָן מענשליכער שכל — איז נאָר פערשידענע ידיעות וואָס דער מענש האָט זיך פון דער וועלט ערוואָרבען (למשל, אַז פּאַרע שטופּט וכו׳. דער גאַנג פון דער לבנה געדויערט כך וכך וכו׳. דער און דער פּלאַנעט גייט כך וכך וכו׳). אויך אַ טאַלענט ווי אַזוי די ידיעות און ערפאַהרונגען צו קאָמבינירען איינס מיט׳ן צווייטען בנ״ל, און פונקט ווי יעדער׳ס אומנות, ווען דער מענש טהוט זיך דערין מרגיל זיין, ענטוויקעלט ער אין זיך אַ כח דערצו, למשל, ביי אַ שעהנע האַנדשריפט, ענטוויקעלט ער אַ כח אין זיין האַנד שעהן צו שרייבען, כאָטש פריהער האָט ער דאָס נישט געהאַט — אַזוי אויך דורך דער גייסטיגער אַרבייט פון

זיין מוח, צו קאָמבינירען מיט זיינע ידיעות, ענטוויקעלט זיך אין איהם דער דאָזיגער כח, צו קאָנען וואָס מעהר, שענער און בעסער צו קאָמבינירען, אָבער מעהר און ווייטער געהט נישט דער מענשליכער וועלט־שכל. טאָ ווי אַזוי ווילט איהר מיט אָט דעם כח, זיך בענוצען לגבי די תורה, וואָס זי איז העכער פון דער וועלט? אמת טאַקע, אַז ווידלעס זענען אַ נוצליכע זאַך, אָבער נאָר אין דאָרף און צו הויבען מיט זיי בינטלעך תבואה און שטרוי, אָבער בשום אופן נישט צו נעמען מיט זיי דעם קייזערליכען טאָרט! צו פערשטעהן די תורה, דאַרף מען פריהער פון זיך ענטוויקלען און מוציא זיין דעם שכל־התורה און דאָס קאָן ווערען געמאַכט, נאָר דורך מקיים זיין די צוויים פון דער תורה בפועל ממש און אָנשטרענגען זיך בלימוד התורה אַ סך יאָהרען. די מעלה פון אַ בן תורה איז נישט בלויז וואָס ער קען לערנען, נור אויך צוליעב דעם דעת התורה וואָס ער האָט פון זיך מוציא געווען.

„כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא". ער איז נישט קיין „בן עולם־הזה", מיט אַנ׳עולם הזה־דיגען שכל, נאָר ער האָט אַ שכל פון אַ בן עולם־הבא. דעם דעת התורה פון עולם העליון, האָט ער פון זיך מוציא געווען, און צוליעב דעם טאַקע האָבען די יודען מקדים געווען נעשה לנשמע, ווייל מען קאָן נישט הערין און פערשטעהן די תורה, אויב מען טהוט נישט פריהער אַרבייטען און מוציא זיין פון זיך דעם שכל התורה, פריהער „נעשה" דערנאָך קאָן זיין „נשמע".

דורך דעם קאָן מען לייכט פערשטעהן די רש"י ז"ל אין פרשת תולדות. יצחק אבינו האָט געזאָגט צו יעקב׳ן: „ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ד׳ ויתן לך וכו׳". אויף „ריח שדה" זאָגט רש"י ז"ל: חקל תפוחין (אַ פעלד מיט עפּעל) איז דאָך קשה, וואָס עפּעס פונקט חקל תפוחין? (מה שאיתא בספה"ק מזה ידוע) נאָר אייגענטליך, איז שווער צו פערשטעהן וואָס אויף דעם וואָרט „ויתן", איז רש"י ז"ל מפורש, ויתן ויחזור ויתן (ער וועט געבען און ווייטער געבען) און אויף דעם

וואָרט „אלקים״, איז רש״י ז״ל מפורש: בדין, אם ראוי יתן לך וכו׳ (השי״ת וועט זיך מיט דיר פיהרען בדין, אויב די וועסט זיין ראוי וועט ער דיר געבען). וואָס פאַר אַ ברכה איז דאָס, אויב דער מענש איז ראוי קומט דאָך איהם סיי ווי סיי? נאָר דער פשט קאָן זיין, אַז די ברכה געהט אַרויף אויף די ערשטע נתינה, ווייל ווען נאָר השי״ת גיט דעם יוד אַ ישועה איז שוין ויתן ויחזור ויתן; ווען השי״ת גיט דעם יוד פרנסה, געזונד און מנוחה, וואָס טהוט דער יוד? ער איז מענג שבת, גיט צדקה, טהוט גמילת חסדים, איז מגדל זיינע קינדער לתורה, נעמט פרומע איידימס צו זיינע טעכטער וכו׳, דערפאַר בעקומט ער שכר „בדין״. — בכלל איז דאָס דאָך די שמחה פון השי״ת, ווען אַ יוד האָט כל טוב און פיהרט זיך ווי אַ יוד, און טאַקע דערפאַר קומט איהם שכר, ווייל ער איז משמח השי״ת.—אויף דעם זאָגט רש״י ז״ל: בדין אם ראוי הוא וכו׳, דאָס געהט אַרויף אויף דעם ויחזור ויתן, ד. ה. מיט דעם וואָס השי״ת האָט דיר געגעבען וועסטו טהוען גוט׳ס, וועט זיין—ויחזור ויתן. די ערשטע נתינה אָבער — ווען דער יוד איז נאָך נישט ראוי —איז צוליעב די ברכה פון יצחק.

די גמרא זאָגט אויפ׳ן פסוק: כתפוח בעצי היער. למה נמשלו ישראל לתפוח, מה תפוח פריו קודם לעליו, אף ישראל הקדימו נעשה לנשמע (פאַר וואָס זענען די יודען געגליכען צו עפעל? פונקט ווי די עפל בליהען פריהער אַרויס ווי זייערע בלעטער, אַזוי האָבען די יודען מקדים געווען נעשה לנשמע). צוליעב דעם האָט יצחק אבינו געזאָגט: ראה ריח בני וכו׳ כריח שדה — חקל תפוחין. יצחק אבינו האָט דערמיט מרמז געווען, היות ווי די יודען האָבען מקדים געווען נעשה פאַר נשמע, דאָס שפעטערדיגע פאַר׳ן פריערדיגען לשם ד׳ (וואָס איז מרומז אין תפוחים) דעריבער איז אויך ביים „ויתן״ וועט השי״ת מקדים זיין, דאָס וואָס עס דאַרף זיין שפעטער און געבען פריהער, ד. ה. איידער דו וועסט טהוען וועט השי״ת דיר העלפען.

דערמיט איז אויך פערענטפערט די קשיא פון תוספות,

וואָס פרעגט: דער פסוק כתפוח בעצי היער געהט דאָך אַרויף אויף השי"ת, און דאָ זאָגט די גמרא, אַז עס געהט אַרויף אויף די יודען? אָבער מיט דעם וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט, איז אַלץ ריכטיג. דער פשט איז אַזוי: כתפוח בעצי היער, השי"ת וועט מקדים זיין צו געבען די יודען דעם „ויתן" נאָך איידער עס קומט זיי, פונקט אַזוי ווי די יודען האָבען מקדים געווען נעשה לנשמע.

## ד.

היוצא לנו מזה, אַז מיר דאַרפען טהוען אַלעס וואָס השי"ת האָט אונז געבאָטען און נישט ווי טייל באַריהמען זיך מיט נאַרישע געמאַכטע חכמה, אַז דאָס געפעלט זיי יאָ און דאָס געפעלט זיי נישט ח"ו. די גמרא זאָגט דערויף, אַז אפילו דער וואָס איז מקיים די גאַנצע תורה, נאָר אויף איין זאַך זאָגט ער, אַז דאָס איז נישט ריכטיג ח"ו, איז גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט מקיים געווען ח"ו. וואָס פאַר נאַראָנים און פערדרעהטע קעפּ זענען דעריבער די מענשען וואָס זענען מחלל שבת. זיי רעדען זיך איין, אַז דאָס וואָס השי"ת האָט געהייסען רוהען אין שבת איז נאָר, כדי זיך אָבצורוהען פון דער אַרבייט פון אַ גאַנצע וואָך, און היות ווי די תורה מיינט דאָך נאָר — לויט זייער איינרעדעניש — מיט'ן שבת, נאָר זייער טובה, אַז זיי זאָלען זיך אויסרוהען, קומט דאָך אויס, אַז אויב איהם איז בעקוועמער צו אַרבייטען אין שבת, מעג ער עס דאָך טהוען. אָבער נאָר מענשען, וואָס דער יצה"ר האָט געמאַכט פאַר אונוויסענדע און משוגעים, קאָנען רעדען אַזעלכע נאַרישע רייד; אויב נאָר בלויז די טובה פון מענש, איז די תורה אויסען מיט'ן שבת, פאַר וואָס האָט זי געזאָגט: „מחלליה מות יומת". צו וועט דען איינער זאָגען צום צווייטען: כ'האָב

דיר ליעב אהבת נפש און אַלס גרויס אהבה בעט איך דיר, זאָלסט אויפעסען די גוטע מאכלים וואָס כ'האָב דיר געבראַכט... 

דיר ליעב אהבת נפש און אַלס גרויס אהבה בעט איך דיר, זאָלסט אויפעסען די גוטע מאכלים וואָס כ'האָב דיר גע־ברענגט און אויב דו וועסט נישט אויפעסען וועל איך דיר טויטען! אדרבה! פון דעם אַליין קאָן מען דאָך פערשטעהן דאָס גרויסקייט פון שבת; די תורה וואָס האָט אַזוי ליעב אַ יוד, מען מעג זאָגאַר מחלל שבת זיין אפילו אויף אַ ספק פקות נפש און אפילו אויף חיי שעה, ד. ה. אפילו ווען מען ווייסט זיכער, אַז דער מענש וועט מעהר נישט לעבען, נאָר עטליכע שעה, דאָך מעג מען מחלל שבת זיין, כדי ער זאָל קאָנען לעבען די עטליכע שעה – און בעזונדער, איז דאָך „כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא” – און דאָך האָט די תורה הק' מחייב געווען מיתה אַ מחלל שבת.

איך קאָן מיר גאָרנישט פאָרשטעלען, פאַר וואָס איהר היגע יודען, ווען איהר האָט געהערט, אַז עס האָבען זיך געעפענט עטליכע געוועלבליך אונטער דער שטאָדט וואָס זענען מחלל שבת און איהר זענט נישט אַרויסגעגאַנגען אנשים ונשים וטף, נישט איינמאָהל און נישט עטליכע מאָל, מיט אַ האַרץ־רייסענד געשריי אויף דעם גרויסען חטא, וואָס זיי טהוען דערמיט? נישט שלאָגען און נישט זידלען זיך מיט זיי דאַרפט איהר, נאָר מיט גוטען צו ווירקען, אַז זיי זאָלען פערמאַכען די געוועלבליך אין שבת. און פאַרוואָס שווייגט איהר אויך, ווען אין דער דאָזיגער שטאָדט אַליין, געפונען זיך עטליכע קראָמען, וועלכע זענען האַלב אָפען און אַ טייל אינגאַנצען אָפען אין שבת?

זאָל זיך השי"ת אויף אונז שוין מרחם זיין און זאָל שוין גענוג זיין די אַלע אומגליקען ר"ל וואָס זענען פאָרגעקומען דאָס יאָהר ביי יודען בכלל און אין אונזער שטאָדט בפרט. וויסען דאַרף מען, אַז פונקט ווי פערצייטענס ווען מען האָט איינעם געשלאָגען מלקות, ווען ער האָט עובר געווען אויף אַ לאו פון דער תורה, האָט מען ניט געשלאָגען דווקא דאָס אבר וואָס האָט עובר געווען אויפ'ן לאו; למשל, מען האָט ניט געשלאָגען דאָס מויל וואָס האָט געגעסען טרפות, נאָר בכלל דער מענש

איז געשלאָגן געוואָרן, אַזוי אויך, אויב איינער פון דער שטאָדט טהוט אַ עבירה ר"ל, קאָן ח"ו זיין אַ עונש אויף דער גאַנצער שטאָדט. זאָל זיך השי"ת אויף אונז מרחם זיין און פון היינט אָן, זאָל זיין בלויז גוטס ביי אונז און ביים גאַנצען כלל ישראל.

איך האָב גערעדט מיט עטליכע מחללי-שבת, זיי פער-ענטפערן זיך, אַז צוליעב פרנסה זענען זיי געצוואונגען מחלל שבת צו זיין. ירמי' הנביא שרייט אויס: ההמיר גוי אלהים והמה לא אלהים, ועמי המיר כבודי בלא יועיל. זעהט! צו וועט אַ ענגלענדער אָדער פראַנצויז זאָגען: אַז ער וועט זיין אַ ענ-גלענדער אָדער פראַנצויז נאָר ווען ס'וועט זיך איהם לוינען, קוים וועט ער דאַרפען דערפאַר ליידען, וועט ער לייקענען אין זיין פאָלק? צי האָבען זיי דען נישט זייער בלוט אין די מלחמות פערגאָסען, צוליעב זייער פאָלק? און דאָ, דער יוד וואָס איז פון אַ פאָלק, וואָס ליידט שוין קרוב 2 טויזענד יאָהר צוליעב יודישקייט, זאָל חלילה זאָגען: איך וועל זיין אַ יוד און היטען שבת, נאָר ווען איך וועל דערפון נישט ליידען, קוים וועט עס מיר מיט עפעס שטערען, דאַן וועל איך נישט היטען שבת און כ'וועל ווערען אויס יוד ח"ו? זיי מיינען, אַז זיין אַ יוד און היטען שבת זענען צוויי בעזונדערע זאַכען, מען קאָן זיין אַ יוד און צוגלייך אַ מחלל-שבת. אָבער ניין! דאָס קאָן אַזוי נישט זיין! אויב זיי ווילען זיך אינגאַנצען דערוויי-טערן פון יודישקייט און שאַפען אַ בעזונדערע סעקטע מיט בעזונדערע מצוות — ווי עס האָט שוין ליידער ביי יודען אַזוי פּאַסירט, ווי למשל די קאַראַימער, וואָס האָבען אפילו די תורה שבכתב יאָ מקיים געווען נאָר אָהן די תורה שבעל-פה, און אָהן דעם פירוש פון אונזערע הייליגע חכמים, נו, וואָס איז פון זיי געוואָרען? אויב איהר געדענקט, ווען עס איז פאָרגע-קומען אין רוסלאַנד פּאָגראָמען אויף יודען, זענען די קאַראַ-אימער אויך געווען צווישען די פּאָגראָמטשיקעס, וואָס האָבען יודיש בלוט ווי וואַסער פערגאָסען. און וואָס איז פון די אַנדערע יודישע סעקטעס געוואָרען? אין תחילת האָבען זיי נאָר

עטליכע מצוות רעפאָרמירט און פערדרייט, און זיך זעלבסט האָבען זיי פאַר יודען געהאַלטען, אָבער לסוף האָבען זיי זיך אויסגע׳שמד׳ט ר״ל און זאָגאַר די גרעסטע אַנטיסעמיטען געוואָרען. צו מיינט איהר מחללי שבת אויך אַזעלכע פעררעטערישע חברות צו שאַפען? — בלייבט אונז מעהר נישט איבער ווי די איינציגע זאַך, ווי נאָר אייך צו בעוויינען, וואָס איהר פאַלט אַוועק פון לעבעדיגען בעשעפער, גלייך אין שאול־תחתית אַריין. און מיר טרויען נאָך אייך ווי נאָך אַ נפטר, ווייל איהר געהט אוועק פון אַזאַ הייליגע ערהאבענע ריינע תורה צו געמיינע נידריגע מעשים, וואָס דער סוף איז: ע״ז, ג״ע ושפיכת דמים ר״ל. אויב איהר מיינט אָבער ווייטער יודען צו פערבלייבען — און דאָך ווילט איהר מחלל שבת זיין, איהר ווילט הייסען דער עם ד׳ — און די תורה לויט אייערע געדאַנקען און רצון צו פערדרעהען — מוזען מיר פון טיעפען האַרצען אויסשרייען: האָט דרך־ארץ פאַר׳ן הייליגען גרויסען ג—ט! זאָל הימעל און ערד פון אונזער געשריי אויפגעציטערט ווערען! זאָלען אייערע נשמות, וועלכע זענען ערגיץ וואו בעגראָבען, אויפגעציטערט ווערען פון דעם געשריי פון אונזערע נשמות. וואָס פאַר אַ חוצפה האָט איהר דעם ג—ט ב״ה, וואָס האָט בעשאַפען הימעל און ערד, צו דיקטירען און אַ נייע „תורה" לויט אייערע חוצפה׳דיגע געדאַנקען אָנוואַרפען! ווער עס וויל זיין אַ יוד קאָן נאָר לויט די בעדינגונגען וואָס די תורה הקדושה שטעלט. ווער עס וויל פעררעכענט ווערען צווישען עם ד׳ — מוז נאָר די מצוות פון השי״ת היטען און השי״ת האָט דורך זיין תורה מכריז געווען: אַז אַ מחלל שבת איז כעכו״ם לכל דבריו, זיין ברויט מאָר מען נישט עסען און זיין וויין איז יין־נסך.

# ה.

נישט בלויז וועגען חילול שבת וויל איך דאָ רעדען, איך וויל נאָך אַנדערע ענינים בעריהרען. עס טרעפט זיך לעצטענס פאַלען פון ברודיגע געמיינזהייטען אין טהרת המשפחה ר״ל. פון די בעלי עברות אַליין, וועגען זייערע גרויסע זינד ר״ל און זייערע מעשים וואָס זענען ככלב וכעכבר — וויל איך נישט רעדען, אָבער אַ וואונדער איז מיר נאָר אויף זייערע קרובים און היימישע, וואָס לא די וואָס זיי זענען זיך פון זיי נישט מרחק — נאָר ווען עס מאַכט זיך ביי די בעלי עבירה אַ שמחה, בעשיינען נאָך די קרובים און היימישע די „שמחה״ מיט טיילען „מצוות״ וכו׳. און בכלל וואונדער איך מיך, אויב איינער איז חלילה פוגע בכבוד אַ צווייטען, איז יענער גרייט איהם דורס צו זיין דערפאַר, און צוליעב דעם קומט דאָך פאַר אַזוי פיעל מחלוקות און שנאת חנם, און דאָ ווען יענער איז מחלל שם שמים און זינדיגט נעגען השי״ת — צו וועמען איהר דינט און בעט אַז ער זאָל אייך העלפען — איז אָט דער בעל עבירה גאָרנישט פער׳מיאוס׳ט ביי אייך? און עס זענען נאָך דאָ מענ־שען וואָס לא די, וואָס זיי זענען זיך נישט מרחק פון די בעלי עבירות — זענען זיי זיך נאָך מחבר מיט זיי?

די תורה הקדושה האָט זיך נישט סומך געווען בלויז אויפ׳ן גוטען האַרץ פון מענש, אַז פון זיך אַליין וועט ער טהוען אַלעס וואָס די תורה הייסט איהם, ווייל אין אַ פאָלק פעהלט נישט קיין פסולת אויך, עס איז פערהאַן גנבים, רוצחים און פערשידענע בעלי עבירות אויך, האָט דעריבער די תורה זיי אַרומגעצוימט מיט פערשידענע עונשים. ווי עס שטעהט בעשריבען בספרים הקדושים, זענען די עונשים אין דער תורה נישט אַלס נקמה געגען דעם בעל עבירה, נאָר פערקערט, דאָס איז אַלס רחמנות צום יוד איהם אויסצווואַשען פון די חטאים, גלייך ווי אַ כלי וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפט אַ טרפה׳נע בליעה, מוז מען מיט אַ הייסען שטיין זי כשר׳ן אָדער גליהען

אין פייער, כדי אַזוי־אַרום די טרפה׳נע בליעה פון איהר אַרויס־צונעמען.

די תורה הק׳ זאָגט פיעל מאָל נאָך אַ טעם וועגען די עונשים אַז: וכל העם ישמעו ויראו ולא יזידון עוד, ד. ה. אַז כדי די איבעריגע זאָלען מורא האָבען און זיך פערהיטען פון טהוען אַ חטא. און יעצט ווען מיר האָבען נישט די מעגליכ־קייטען אויסצופיהרען די אַלע עונשים און צו מאַכען די אַלע אַרומצוימונגען לקיום התורה, זאָל ח״ו צוליעב דעם די תורה נהרס ווערען? געדענקט וואָס איך זאָג אייך יעצט! איהר זאָלט נישט מיינען, אַז די עבירה וואָס דער מענש טהוט, בלייבט נאָר איבער ביי איהם אַליין, ניין! ביסלעכווייז ווערט דער חטא פערשפרייט אויך אויף אַנדערע. זיין קרוב אָדער שכן טהוט איהם באַלד נאָך, און דעם קרוב׳ס קרוב פערקוקט זיך ווידער פון איהם און אַזוי אַרום ווערט דאָס שלעכט׳ס פער־שפרייט ווייטער און ווייטער. עס איז נישטאָ קיין שלאַפקייט־עפידעמיע וואָס זאָל זיך מיט אַזאַ שנעלקייט פערשפרייטען ח״ו, ווי די עבירות־עפידעמיע ר״ל, איין בעל עבירה קאָן אַ גאַנצע שטאָדט איבערפיהרען. און אויב מיר זאָלען אַזוי רוהיג צוקו־קען און דערלאָזען די בעלי־עבירות טהוען אַלץ וואָס זיי ווילען— הייסט עס, אַז מיר העלפען צו ח״ו כל קודש בישראל צו פער־ברענען. אמת, קיין עונשים בפועל, מיט וועלכע מען זאָל קאָנען מעניש זיין די בעלי עבירות, פערמאָגען מיר היינט נישט. מיר האָבען אָבער אַ שאַרף מיטעל; דאָס איז די הרחקה, וואָס מיר דאַרפען זיך דערווייטערן און אָבשיידען פון דעם חוטא מיט זיינע חברים. די גמרא זאָגט: או חברותא או מיתותא (דער מענש דאַרף האָבען אַ חברותא, אויב נישט איז גלייכער דער טויט, ד. ה. איינזאַם קאָן אַ מענש נישט לעבען). ווען איהר וואָלט זיך מתרחק געוועזן פון די מחללי־שבת און אַנדערע בעלי־עבירה, וואָלט היינט נישט געווען אַזוי פיעל בעלי־עבירות. אין די ערטער וואו די בעלי עבירה זענען נאָר איינצעלנע, וואָלט עס זיכער געווירקט דאָס וואָס זיי זאָלען זיך אַרומדרע־הען מרוחק פון אַלע, אָבער אויך אין די מקומות, וואָס

בעוונותינו הרבים, האָט שוין דאָס פייער אַרומגעכאַפּט ברייטער און ברייטער און עס איז שוין געוואָרען פון זיי גאַנצע חבֿרותא׳ס קאָן אויך די הרחקה פיצל ווירקען. ווען ביי אייך, עלטערע מענשען מיט אייערע פרויען, וואָלט דער בעל-עבֿירה אויסגעזעהען, ווי ער דאַרף באמת אויסזעהן,— אַזוי ווי אַ פּער-בּרעכערישער פּערזענער, וואָס וויל מיט זיין פּערפוילטען שימעל, דאָס ריינע הייליגע יודישע פאָלק — פּערפוילען, און ווען איהר וואָלט די זעלבע בעציהונג צו די בעלי עבֿירה — אויך אין אייערע קליינע קינדער אַריינגעבּרענגט,—דאַן וואָלטען אייערע זיהן און טעכטער, ווען זיי ווערען דערוואַקסען, נישט אַזוי לייכט זיך געוואַגט מחלל שבת צו זיין אָדער אַנדערע עבֿירות צו טהוען. אַז איהר עלטערע און יונגערע שומרי תורה זענט זיך אָבער מתחבר מיט די בעלי-עבֿירה ר״ל, אָדער בלויז דאָס וואָס איהר קוקט נישט אויף זיי, ווי מ׳דאַרף באמת אויף זיי קוקען, און איהר פערגעסט וואָס זיי טהוצן געגען דעם אלקי ישראל און עם ישראל, צי הייסט דאָס דען נישט, אַז איהר זענט ח״ו מסייע לידי עוברי עבֿירה? בעת די מחלוקת פון קרח האָט משה רבינו געזאָגט: סורו נא מעל אהלי האנשים הרשעים האלה ואל תגעו בכל אשר להם פן תספו בכל חטאתם. עס איז דאָך שווער צו פערשטעהן: אויב אין מצרים ביי די מצריים, האָט השי״ת מבחין געווען צווישען אַ בכור און נישט קיין בכור, מכש״כ דאָ ביי יודען, האָט דאָך השי״ת בעדאַרפען מבחין צו זיין צווישען קרח׳ס עדה און אַנדערע יודען, אַז זיי זאָלען נישט נענש ווערען? נאָר די תורה איז אַ נצחית (אַ אייביגקייט). די תורה לערנט אונז אויך אויף לדורות, אויב דו ווילסט נישט זיין קיין מורד באלקי ישראל און אויך נישט צו העלפען די מורדים, דאַן טאָרסטו זיך ניט חבר׳ן מיט זיי. סורו נא וכו׳ ואל תגעו בכל אשר להם, אפילו אַ נגיעה טאָרסטו מיט זיי נישט האָבען, בכדי עס זאָל נישט זיין קיין קטרוג אויך אויף דיר ח״ו.

י.

נחזור לענינגו. די צורה ונשמת ישראל וואָס איז אין אונז, איז אַ גאַנץ אַנדערע ווי עס איז אין אַנדערע מענשען; די צורה ונשמת ישראל איז, אַז מיר זענען דער עם ד׳. השי״ת ווערט אָנגערופען: „אלקא דישראל״ און מיר ווערען אָנגערופען: „עם ד׳״. און פונקט ווי דער מענש דאַרף פון זיך מוצא זיין און ענטוויקלען דעם כח גופני, אַזוי ווי מיר זעהען למשל, אויב מען וועט ביי אַ קינד צובינדען די פיסלעך עס זאָל נישט קאָנען געהן, וועט זיך דער כח הליכה אין קינד נישט קענען ענטוויקלען, און עס וועט שפעטער נישט קענען געהן — אַזוי אויך דאַרפען מיר די נשמת ישראל וואָס געפונט זיך אין יעדען יוד, מוציא זיין און מחנך זיין.

דאָס איז אַ עיקר גדול. אפילו ביי אַ עלטערען מענש, דערקענט מען אויך, וואָס פאַר אַ חינוך ער האָט געהאַט אין דער יוגענד. עס זענען פערהאַן מענשען שוין אין די יאָהרען, וועלכע ליידען פון מדות רעות אָדער מחשבות רעות און דאָס אַלץ איז, צוליעב דעם שלעכטען חינוך, וואָס זיי האָבען געהאַט אין די יונגערע יאָהרען. אַלץ ווענדעט זיך אין חינוך, נישט אַלע ווייסען אָבער וואָס עס איז חינוך. פיעל רעכענען, אַז מיט׳ן בלויזען רעדען און בעפעלען, זאָגענדיג צום קינד, טהו דאָס אָדער יענץ, אַז דאָס הייסט „חינוך״—און דערמיט איז ער שוין יוצא מיט׳ן חינוך לגבי זיינע קינדער. מיר זעהען דאָך, אַז עס זענען דאָ אויך דערוואַקסענע מענשען, וועלכע ווייסען פון זייערע חסרונים און זיי ווילען די שלעכטע זאַכען ב׳שום-אופן נישט טהוען — און פונדעסטוועגען טהוען זיי עס יאָ. דער שיכור למשל, ווען ער איז ניכטער, האָט עגמת-נפש פון זיין חסרון, דאָך קאָן ער זיך נישט בעהערשען און טרינקט ווייטער, דאָס זעלבע איז אויך מיט די קאָרטען-שפילער א.א.וו. די מענשען מיט די געמיינע נטיות זענען נישט אין דעם קיין אויסנאַהם, דען דער מענש וואָס איז נישט קיין עובד ד׳ זעהט

נישט זיינע חסרונים, אַלץ וואָס ער טהוט איז ביי איהם גוט. דער עובד ד׳ אָבער, וויל שטענדיג בעסער זיין, פונדעסט־וועגען קומט עס איהם נישט אָן אַזוי לייכט (די סבה דערפון איז, צוליעב דעם נפש־הבהמיות וואָס עס איז דאָ אין מענש. יעצט איז אָבער נישט די צייט וועגען דעם מאריך צו זיין).

מיר זעהען דערפון, אַז עס איז נישט גענוג אפילו ביי אַ דערוואַקסענעם מענש, זיין ידיעת-השכל אַליין. דער שכל איז נאָר דער מצווה, (דער בעפעהלער), מען דאַרף אָבער מרגיל זיין דעם גוף און מוח, זיי זאָלען וועלען. אויך דאָס גוטע וואָס זיי ווילען, זאָל נישט בלייבען אַ בלויזער רצון, נאָר טאַקע טהוען בפועל ממש. אַ שווערע פערשיעדענאַרטיגע אַרבייט דאַרף מען האָבען דערצו. איינס דערפון איז: דער לאַנגער הרגל, וואָס מ׳איז זיך מרגיל אַ לענגערע צייט אין טהוען גוט׳ס בפועל. דאָס איז דער ראשית און עיקר, זיך אָדער דאָס קינד צום גוטען מחנך צו זיין. עס פרעגט זיך אַלזאָ: ווי אַזוי קאָנען מיר פאָדערן פון קינד, אַז מיט אַ בלויזען צווי (בעפעהל) אַליין זאָל עס זיין און טהוען גוט׳ס? מיר זעהען, אַז עפ״י רוב האָבען קינדער די תנועות פון די עלטערן. די גמרא זאָגט: שתא דינוקא או דאביהו או דאימא. און ווי הייליג און טייער זענען די ווערטער פון זוהר הק׳, ייעלכער זאָגט אין פרשת ואתחנן אויפ׳ן פסוק: ושננתם לבניך, ודברת בם בשכבך בביתך וכו׳, אַז דער פשט איז: בשבתך בביתך, מיט דיין זיצען אין שטוב, מיט דעם זאָלסטו לערנען דיין קינד. דאָס קינד זאָל זעהען, ווי אַזוי דו פיהרסט זיך אין שטוב, וועט עס זיך פון דיר אָבלערנען. דו דאַרפסט אַזוי אַרום זיין אַ מוסטער פאַר דיינע קינדער.

הן אמת, אַז דאָס חדר און די תלמוד תורה זענען דער יסוד פון יודישקייט—און קיין שום שולע קאָן נישט פערנעמען זייער פלאַץ. אָבער בלויז דערמיט, וואָס דער פאָטער גיט זיין קינד אין חדר אָדער תלמוד תורה, האָט ער נאָכנישט יוצא געווען זיין חוב, ווייל די שטוב, זיינע חברים און די גאַנצע סביבה דאַרף זיין צוגעפאַסט צו אַ גוטען חינוך. דער פאָטער

אָדער די מוטער, ווען זיי ריידען ניבול־פה, אָדער טהוען נישט קיין שעהנע מעשים אין געגענוואַרט פון קינד, איז גלייך ווי זיי וואָלטען גענומען אַ ביקס און געשאָסען אין האַרץ פון קינד׳ס נשמה און פיעל מאָל פערוואונדען זיי עס אויף אייביג. און נישט בלויז וואָס זיין נשמה הקדושה ווערט פערוואונדעט דורך דעם, נאָר פיעל מאָל מאַכען זיי אויך דאָס קינד קראַנק אויף די נער־ווען. און נאָך פערשידענע פאַקטען בין איך פעסט ביי מיין מיינונג, אַז דאָס וואָס ביי יודען איז דאָ אַ גרויסער פראָצענט נערוועז־שלאַפע, און אויך פערשיעדענע מינים נערוועז־קראַנקע — וואָס מען זעהט עס נישט ביי קיין שום אַנדערע אומה—איז די סבה, ווייל דאָס נפש פון יודישען קינד איז באמת איידעל און פרום, עס שטרעבט צו טוהר־המדות און עבודת־ד׳, און ווען דאָס קינד הערט אָדער זעהט אַ מאוס׳ע זאַך אָדער חפשיות—ווערט דורך דעם זיין רעיון פערוואונדעט. עס בעקומט אין אַ קלענערע אָדער גרעסערע מאָס אַ מין נערוועז־ערשיטערונג. ע״פ רוב דערקענט מען נישט דאָס באַלד, אָבער די געדאַנקען הויבען זיך שוין אָן ביי דעם קינד ביסלעכווייז צו פערפלאָנ־טערען, פון אָנהויב ווייניגער און נאַכהער מעהר, ביז דאָס קינד וואַקסט אויף—און דאַן דערקענט מען שוין אין איהם אַ נערוועז־קראַנקהייט.

דאָס איז דער ענין פון „בית ישראל ברכו את ד׳״, די יודישע שטוב ערציהט דעם יוד צו השי״ת. די שטוב איז נישט בלויז עפּעס אַ שעהנער צימער, פונקט ווי אַ אָקס האָט אַ גע־וועהנליכע שטאַל, ניין! דאָס יודישע הויז איז אַ מקדש־מעט, דאָס איז דאָס אָרט, ווי די יודישע נשמה ווערט ענט־וויקעלט און ערצויגען, און דאָס איז דער פסוק מרמז: ואמרתם זבח פסח וכו׳ בנגפו את מצרים ואת בתינו הציל ויקוד העם וישתחוו. ע״פ פשוט איז דאָך קשה, פאַר וואָס שטעהט ואת בתינו הציל און נישט „ואותנו הציל״, אַזוי ווי עס שטעהט ביי די מצריים „בנגפו את מצרים״ און פאַר וואָס איז בצוועק „ויקוד העם״? נאָר, „ע׳ם״ איז דער אויסדרוק, דאָס פּראָסטע פאָלק, דער פאָלקס־מענש. משה רבינו האָט געזאָגט:

ווייסט איהר פאַר וואָס די יודען האָבען זיך נישט אויסגע־מישט צווישען די מצריים אין מצרים, נאָר זיי זענען געבליבען יודען און צוליעב דעם האָט מען זיי אויסגעלייזט?—ווייל עס איז געווען — „ואת בתינו הציל” צוליעב די „יודישע שטו־בען” וועלכע זיי האָבען געהאַט, און אַזוי אַרום האָבען זיי ערצויגען און ענטוויקעלט די יודישע נשמה, דעריבער איז „ויקוד העם”, דאָס פראַסטע פאָלק; די פאָלקס־מענשען האָבען געזאָגט: אמת טאַקי, קיין גרויסע למדנים זענען מיר נישט, אָבער יודישע שטובען האָבען מיר, און דערמיט האָבען מיר דאָך אויך צוגעהאָלפען, אַז עס זאָל זיין די גאולה.

א יודישע שטוב הייסט, אַז דער פאָטער זאָל זיך פיהרען מיט אַלץ אַזוי ווי אַ יוד. די מוטער זאָל זיך פיה־רען מיט אַלעס אַזוי ווי אַ יודישע טאָכטער: זי זאָל גערן אָנגעטהון בצניעות, נישט בפריצות און נישט בגלוי ראש ח״ו. דאָס מעבעל, די בעטען, זאָל זיין ווי ביי יודען, כי עם קדוש אתה לד׳ אלקיך, נישט להבדיל ווי ביי די גוים. עלטערן! פיהרט אייך ע״פ התורה, וועט איהר פיעל צרות פערשפאָרען, אייך און דעם גאַנצען כלל ישראל, פון אייערע קינדער.

## ז.

די גמרא זאָגט (שבת קי״ח): ר׳ יוסי האָט גערופען זיין ווייב „בית”, ווייל זי איז די עקרת הבית. איהר השפעה איז גרויס סיי אויפ׳ן מאַן, סיי אויף די קינדער — און לויט איהר גייסט אַזוי ווערט געפיהרט די גאַנצע שטוב. דער מדרש זאָגט, אַז בעת קבלת־התורה, האָט השי״ת געזאָגט צו משה רבנו, איין מצוה האָב איך געבאָטען אדם הראשון, און ווייל כ׳האָב זיין

ווייב נישט מצוה געווען, האָט ער זי נישט מקיים געווען, יעצט בעת קבלת־התורה, „כה תאמר לבית יעקב״, זאָלסט פריהער ריידען צו די פרויען. אַזוי איז השי״ת געווען זיכער אין די יודישע פרויען, דאָס אויב זיי וועלען מקבל זיין די תורה, וועלען זייערע מענער, זיהן און טעכטער אויך היטען די תורה און די גאַנצע שטוב וועט זיין אַ „יודישע שטוב״. איהר, יודישע פרויען, ווערט אָנגערופען „בית ישראל״. וויסען זאָלט איהר, אַז עס איז נישט גענוג, וואָס איהר אַליין זענט יודיש און פיהרט זיך יודיש, נאָר דאָס גאַנצע פעראַנטוואָרטליכקייט פון דער שטוב ליגט אויף אייך. אויב אייער גאַנץ הויז געהט בדרך ד׳, האָט איר כמעט דעם גאַנצען זכות דערפון, אויב נישט ח״ו, זענט איהר דער גרעסטער גורם. מיר האָבען געהאַט ראש־השנה, היינט איז שבת־תשובה, באַלד וועלען מיר האָבען יום כיפור, און וואָס וועט איהר ענטפערען אויף די אַלע זאַכען אין די הייליגע טעג, ווען מען וועט אייך פרעגען אין הימעל?

די ערשטע אויפגאַבע פון דער פרוי איז: אַכטונג צו געבען אויף די מאכלים, וואָס די גאַנצע שטוב עסט זיי — אַז זיי זאָלען זיין כשר. צו דעם דאַרף מען האָבען גרויס זהירות און שמירה. גאָר אַ בעזונדערע שמירה דאַרף מען האָבען, ביז עס קומט דאָס פלייש, מילך און פוטער אין שטוב אַריין. בכלל זענען פעראַן קצבים, אויף וועלכע מען קאָן זיך סומך זיין. עס זענען אויך דאָ קצבים, וועלכע כ׳וואָלט גיכער גע־וואָלט, אַז זיי זאָלען זיך נעמען צו אַנדערע געשעפטען — און נישט זיין קיין קצבים. אָבער אפילו ביי די גוטע קצבים האָבען מיר אויך נישט די זיכערהייט, אַז עס זאָל נישט זיין ח״ו קיין שגיאה, כאָטש זיי זענען שטאַרק נזהר ביים כשרות. מיר זעהען דאָך, אַז ביי יעדען יוד — כאָטש מען איז שטאַרק נזהר אין שטוב — דאָך טרעפט זיך, אַז מען שטעקט אַריין אַ מילכינען לעפעל אין אַ פליישיגען טאָפּ אָדער פעקעהרט. מכל־שכן ביים קצב אין דער יאַטקע, וואו ער האָט פערשידענע

קונים און פערשידענע מינים פלייש, כשר און טריפה, קאָן דאָך זיכער פאָרקומען אַ טעות ח"ו.

איך האָב געהערט פון כ"ק חותני הרה"ק זצוקללה"ה מקאָזניץ, ווי ער האָט נאָכגעזאָגט פון זיין זיידען כ"ק הרה"ק ר"א מקאָזניץ זצללה"ה, אויפ'ן מאמר הגמרא: צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידיהם. דאָס יעדער יוד, וועלכער איז נזהר אין אַ זאַך מיט אַלע זיינע מעגליכקייטען, הייסט ער לגבי די זאַך אַ צדיק און השי"ת היט איהם, אַז עס זאָל נישט אַרויסקומען קיין תקלה דורך איהם ביי די זעלבע זאַך. מיר האָבען דאָ געמאַכט אַ תקנה, מ'זאָל חתמ'נען דאָס כשר'ע פלייש דורך די שוחטים זון מיט אַ בעזונדערע חתימה דורכ'ן מנקר. די גאַנצע זאַך איז אָבהענגיג נאָר אין די פרויען, וועלכע קויפען דאָס פלייש. אויב אין דער יאַטקע וועלען זיי פער־לאַנגען נאָר אַזאַ פלייש, וואָס האָט 2 חתימות, וועט דער קצב וויסען, אַז ער דאַרף בעטען דעם שוחט מיט'ן מנקר, אַז זיי זאָלען חתמ'נען דאָס פלייש, און עס וועט זיך חלילה נישט פער־טוישען דאָס כשר'ע מיט'ן טריפה'נעם—און דענסמאָהל וועט מען אויך פון הימעל אונז היטען מיט'ן כשרות.

שוין אַ פאָר יאָהר, ווי מען האָט וועגען דעם מכריז געוועזן דאָס צו היטען, אָבער די יודישע פרויען,—וואָס השי"ת איז אַזוי מיט זיי זיכער געוועזן, אַז דורך זיי וועלען אַלע די תורה מקיים זיין – ווען זיי קומען אין יאַטקע, פרעגען זיי זיך: צי דאָס פלייש איז פעט, צי עס איז ביליג, אָבער וועגען די צוויי חתימות, וואָס דאַרפען זיין אויפ'ן פלייש, אינטערע־סירט זיי גאָרנישט. צוליעב דעם טאַקי איז געוואָרען אָבגעלאָזט דאָס חתמ'נען דאָס פלייש. וויסען זאָלט איהר, אַז דערמיט, וואָס איהם פרעגט נישט ביים קויפען דאָס פלייש וועגען די חתימות, וועט איהר מיט אייער שטוב, סוף־כל־סוף נכשל ווערען מיט טריפות בשוגג ר"ל. און נאָר איהר יודישע פרויען וואָס ווערען אָנגערופען „בית־יעקב", טראָגט די גאַנצע פעראַנטוואָרטליכקייט דערפאַר.

## ה.

ווי אַזוי פיהרען זיך אויף די יודישע פרויען מיט די אַנדערע מצוות, וואָס איז זיי געגעבּען געוואָרען? איך האָב קיינמאָהל נישט גערעדט וועגען אַזעלכע ענינים בפרהסי׳, ווייל דאָס איז זאַכען וואָס מען דאַרף רעדען בצנעה. עס איז פער־האַן פיעל מאָהל, ווען דער מענש קאָן פערבּאָרגען זיין ווערה־טאָג און זיך איינהאַלטען פון שרייען, דאָס איז ווען דער וועהטאָג איז נישט אַזוי גרויס. אָבּער ווען מען שטעכט איינעם אַ מעסער אין האַרץ, דענסמאָהל קאָן ער זיך מעהר נישט איינהאַלטען און ער שרייט מיט אַלע כחות: געוואַלד! געוואַלד! איך קען שוין מעהר נישט איינהאַלטען מיין וועהטאָג, מיין האַרץ און לעבּען ווערט דורכגעשטאָכען, צוליעב די זאַכען וועלכע געשעהען.

טייל פרויען זענען עובר על הדת, דורך נישט נזהר זיין אין טהרת בנות ישראל. נישט בּלויז רעדען מוז מען וועגען דעם, נאָר גוזר תענית זיין, שרייען און וואַרפען זיך אין די ערד בעדאַרף מען, אוי, מה הי׳ לנו! וויי, וואָס פון אונז איז געוואָרען! וואָס געשעהט אין אונזערע צייטען, אין וואָס פאַר אַ שרעקליכען שאול תחתית זענען מיר אַריינגעפאַלען! ווייל אויסער וואָס די פרויען מיט זייערע מענער זענען עובר אַנ׳איסור כרת ר״ל, פערדאַרבּען זיי נאָך דעם כרם ישראל. יעדער יוד מוז געבּוירע׳ן ווערען בקדושה וטהרה, דענסמאָהל הייסט ער, דער נטע שעשועיו פון השי״ת, אָבּער זיי מיט זייערע מעשים זענען גורם, אַז עס זאָלען נולד ווערען נפשות רעות ר״ל, נידערטרעכטיגע מיט די געמיינסטע מדות און תאוות, און אַזעלכע, וואָס וועלען נישט אויסהאַלטען דאָס יודישקייט, און זיי וועלען זיך שמד׳ן ר״ל און דערנאָך ווערען די גרעסטע אַנטיסעמיטען.

די גמרא זאָגט אין ברכות: מזמור לאסף, א׳ באו גוים בנחלתך, קינה לאסף מיבעי לי״? פאַרוואָס האָט אסף גע־זינגען

באו גוים בנחלתך, ער האָט דאָך בעדאַרפען צו קלאָגען דערויף, וואָס זיי האָבען חרוב געמאַכט דאָס בית־המקדש? די חז״ל זאָגען, אַז דעריבער האָט אסף געזינגען, ווייל השי״ת האָט אויסגעלאָזט זיין כעס נאָר אויפ׳ן בית־המקדש און נישט אויף די יודען. אַ גרויסע שמחה איז דאָס, וואָס טיטוס הרשע האָט נישט אומגעבּרענגט די יודען נאָר דאָס בית־המקדש, און איהר יודישע פרויען, ווילט מיט אייער אָנפיהרונג, חרוב מאַכען דאָס וואָס אפילו טיטוס הרשע האָט נישט געוואַגט חרוב צו מאַכען? איהר וועט דאָך זיכער פרעגען, וואָס וויל מען פון אונז פרויען, וואָס קומען אין בית־המדרש דאַווענען און אויסגיסען אונזערע הערצער פאַר ג—ט? אמת, אַז די וואָס קומען דאָ אַריין זענען נישט חשוד דערויף און איך בין נישט חושד ח״ו קיין איינע פון זיי. וואָס וועט איהר אָבער ענטפערען וועגען אייערע טעכטער און שנירען? ווי אַזוי האָט איהר זיי ערצויגען? פאַר וואָס זענט איהר זיך פון זיי נישט מרחק? פאַר וואָס שטעהט איהר אין די ד׳ אמות פון די, וואָס גיסען נאַפט אויפ׳ן כלל ישראל און ווילען איהם פערברענען? פאַר וואָס פערגיסט איהר נישט קיין טייכען טרעהרן אויף זיי? און ווי אַזוי קאָנט איהר עסען און טרינקען אין דער צייט ווען איהר ווייסט, אַז גבוזרדן׳ס וואָס הרג׳ענען אויס די יודען ח״ו וועלען פון אייך אַרויסקומען? ווייל וויסען זאָלט איהר, אַז די שונאי ישראל וואָס זענען נאָר אַמאָהל געווען, פון פרעה ביז די היינטיגע ימ״ש, האָבען נישט געקאָנט אַזוי פיעל שלעכטס טהון יודען, ווי עס טהוען אייערע טעכטער און שנירען, וואָס זענען אַזוי פערברעכעריש און פורקי עול ר״ל.

## ט.

אויך אויף אייך יודישע יוגענד, וואונדער איך מיר. יעדער ווייסט, אַז דער יסוד פון יעדען פאָלק איז די יוגענד. די זקנים זענען די מנהיגים, וועלכע פיהרען אָן מיט'ן לאַנד. ווען אָבער עס איז אַ מלחמה, וואַרפט זיך די יוגענד מיט איהר גאַנצען יוגענדליכען אייפער אין פייער פון קריעג. אויך אין לאַנד גופא, אין דער צייט פון שלום, זענען זיי די היטער פון געוועהר און פאָהן, אַוועקגעבענדיג זייערע יונגע כחות פאַר'ן פאָלק. און פאַר וואָס זענט איהר יודישע יוגענד אַ אויסנאַהם? פאַר וואָס איז אַ גרויסער טייל פון דער יודישער יוגענד אַוועק פון דער תורה, ווי זי וואָלט אייך ח"ו גאָרנישט נוגע געווען? דער עיקר נשמת ישראל איז דאָך די תורה, אָהן דעם וואָלט דאָך קיין יודען נישט געווען, ווייל וואָס איז דען דער חילוק פון אַ יוד ביז צו אַ גוי להבדיל,—אויב נישט די תורה? די שונאי ישראל ווייסען דאָס גאַנץ גוט. וויפיעל גזירות רעות האָבען זיי אַרויסגעגעבען, אַז מען זאָל נישט היטען די תורה ח"ו. אונזערע עלטערן מענער און פרויען האָבען זיך מוסר נפש געווען צוליעב איהר. צי איז דען דאָ ערגיץ וואו אין דער וועלט אַ פייער, וואָס זאָל נישט האָבען געברענט אונזערע גופים, אָדער ווייזט מיר אָן ערגיץ וואו אַ שטיקעל ערד, וואָס זאָל נישט האָבען אין זיך איינגעזאַפט אונזער בלוט, און דאָס אַלץ צוליעב דיר ג—ט און צוליעב דיין תורה. די שונאי ישראל ווייסען, אַז אָהן די תורה איז נישטאָ קיין יודען, דעריבער האָבען זיי געוואָלט אונז מרחק זיין פון איהר, אָבער מיר האָבען זיך מיט דער תורה אַרומגעקלאַמערט און געזאָגט: אָהן השי"ת און אָהן זיין תורה ווילען מיר נישט לעבען, מלחמה לד', דאָס איז אונזער מלחמה, ביז'ן לעצטען טראָפען בלוט אונזער הייליגע תורה צו פערטיידיגען, און די אַלע שונאי־ישראל וועלען גאָרנישט אויספיהרען, אונז פון דער תורה אָבצושיידען ח"ו. און פאַר וואָס איהר יודישע יוגענד זאַלט

דאָס נישט וויסען? און איהר אַליין מיט דעם וואָס איהר היט נישט און זענט נישט מקיים די תורה, פערפירענט איהר זי דאָך אינגאַנצען אָדער טיילען פון איהר? ווי זענט איהר יודישע יוגענד, וועלכע זאָל מיט אייער יוגענדליכען כח, שטעלען זיך בראש פון דער מהנה צו שיצען די תורה הקדושה?

עס איז דאָ אַ מכלומר׳שטע סבה, פאַר וואָס אַ טייל פון דער יודישער יוגענד פערלאָזט די תורה,—ווייל זיי שעמען זיך פאַר זייערע חברים, די גרויסע „פילאָזאָפען", וועמענס „חכמה" בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי געהען אָנגעטהון אַ געפרעסטען אַנצוג, אָט די „חכמים" בעטראַכטען זיי פאַר צוריקגעשטאַנענע און פאַנאַטיקער. ווי אומגליקליך איז אָבער אַזאַ מענש, וועלכער האָט נישט קיין אייגענעם דעת, נאָר ער ווערט נאָכגעשלעפט נאָך דעמ׳ס אָדער יענעמ׳ס נאַרישקייטען! פאַר ג-ט, דעם בעשעפער פון הימעל און ערד, האָט ער נישט קיין מורא, און פאַר די שוטים און עמי הארצים, וועלכע פערמאָגען נישט קיין תורה און נישט קיין חכמה — אָט פאַר די שעהמט ער זיך. אויפ׳ן פסוק: מה טובו אוהליך יעקב וכו׳, זאָגט רש"י ז"ל: צוליעב דעם איז בלעם אַזוי נתפעל געוואָרען פון די אהלי יעקב, ווייל ער האָט געזעהן; שאין פתחיהן מכוונות זו מול זו — אַז קיינער קוקט נישט אַריין אין צווייטענס שטוב און פערקוקט זיך נישט אויף איהם, זאָגענדיג: ווייל יענער פיהרט זיך אַזוי און אַזוי, מוז איך איהם נאָכטהוען, נאָר יעדער יוד דאַרף זיך פיהרען ווי השי"ת האָט איהם מצווה געווען. ווי דער דין איז אין שלחן ערוך אור"ח ס"א: ולא יתבייש מפני המלעיגים עליו (ער זאָל זיך נישט שעהמען פון די מענשען וואָס לאַכען פון איהם, בשעת זיין דאַווענען אָדער מקיים זיין די מצוות).

נישט בלויז וועגען אַ מצוה דאַרף מען זיין שטאַרק און זיך נישט לאָזען אַראָבפיהרען פון דרך הקודש, נאָר אויך וועגען נאָך ענינים וואָס זענען נוגע דאָס יודישקייט, דאַרף מען זיין שטאַרק און פעסט. למשל, די יודישע הלבשה. וואָס איז יעצט לדאבוננו געוואָרען אַזוי לייכט צו ענדערן. די חז"ל

זאָגען: אַז די יודען זענען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים בזכות שלשה דברים: ווייל זיי האָבען נישט משנה געווען זייער הלבשה, זייערע נעמען און זייער לשון. אויסער וואָס עס איז אַ גרויסער חטא משנה צו זיין די דריי זאַכען, דאַרפט איהר דאָך אויך צו פערשטעהן, אַז דאָס וואָס עס טיילט אָב איין פאָלק פון צווייטען, אַז עס זאָל זיך נישט אויסמישען אין אַנדערן — איז טאַקע דו דריי זאַכען: די בעזונדערע הלבשה, דאָס בעזונדערע לשון און בעזונדערע נעמען. צו האָט איהר שוין אַמאָהל געזעהן, אַז צוויי קעמפענדע מיליטערישע צדדים זאָלען געהן גלייך אָנגעטהוען? יעדעס מיליטער טיילט זיך בעזונדער לויט זיין לבוש, און איהר יודישע יוגענד, וואָס די גאַנצע וועלט טהוט כסדר מלחמה האַלטען מיט אייך, כדי אייך צו מאַכען פאַר אויס יודען ח״י, און איהר מיט אייער קלות־הדעת העלפט זיי נאָך צו. ווייל בלויז מיט ענדערן די הלבשה ווערט שוין געמאַכט אַ האַלבע התבוללות (אַסימילאַציע) און כאָטש אייך דאַכט זיך, אַז איהר האָט גאָרנישט געטהוען — דאָך האָט איהר שוין דערמיט אַ האַלבע מלחמה ח״ו פער־שפילט.

ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, איז דער רצון ד׳, אַז דער יוד זאָל צוריק מקרב זיין די נשמה צו השי״ת וואָס איז געוואָרען פון איהם דערווייטערט, דעריבער דאַרפען מיר מבאר זיין די אַלע דעות, וואָס עס איז דאָ דערביי:

דער מדרש זאָגט: ווען משה רבינו האָט געפאַשעט די שעפסען פון זיין שווער יתרו, איז אַנטלאָפען אַ שעפסעלע פון דער סטאַדע, משה רבינו איז עס נאָכגעלאָפען, בכדי עס צוריק צופיהרען צו דער סטאַדע. האָט ג–ט געזאָגט: משה! ווייל דו ביזט אַ גוטער פאַסטוך און האָסט זיך מרחם געווען אויפ׳ן שעפסעלע, דעפאַר וועסטו ווערען דער פאַסטוך פון מיינע קינדער. מען דאַרף טאַקע נאָכלויפען דאָס שעפסעלע אַז עס זאָל זיך אומקעהרען, אָבער נאָר אין דער מאָס ווי עס וויל צוריקגעהן. ווען אָבער עס וויל נאָך אַלע פרובען בשום אופן נישט צוריקגעהן, וואָס פאַר אַ עצה איז דאָ דערצו?

דאָס זעלבע איז מיט דער היינטיגער יוגענד. מיר מאַכען אַלע פּרובען, זיי איבערצוגעבען און ווייזען דעם דרך ד׳, אָבער פּיעל פון זיי מיינען, אַז מיר זענען אויסען צו קריגען זיך מיט זיי און אַז דאָס איז אונזער כוונה. זיי רעכענען אַזוי, ווייל זיי זענען געוואוינט כסדר מיט׳ן קאַמף — דעם קאַמף, וואָס די פּאַרטייען פיהרען צווישען זיך און אַנדערע מחלוקות וואָס פער־פּוילען די נשמת ישראל. אויב איהר יודישע יוגענד קלערט אַזוי — זענט איהר זיך שטאַרק טועה! מיר האָבען קיין שום קאַמף נישט אין זינען, מיר ריידען צו אייך און זענען אייך מייסר מתוך אהבה צו השי״ת און אויך צו אייך. יודישע קינ־דער! מיר ווייסען, אַז איהר זענט ג—ט׳ס סטאַדע און אונזער האַרץ טהוט וועה, צוקוקענדיג ווי ג—ט׳ס ב״ה סטאַדע איז זיך פון איהם מרחק. מיר ריידען נישט בלויז צו אייך, נאָר מיר בויגען זיך אויך פאַר אייך און שטרע־קען אויס אונזערע הענד! קעהרט זיך צוריק, איהר עדת ד׳ צו אייער פאָטער וואָס בענקט אַזוי נאָך אייך! היט׳ס די תורה! היט׳ס שבת! דאַוועננט דריי מאָהל מעגליך, פער־גיסט אייערע הערצער פאַר ג—ט און בעט איהם פאַר אַלע אייערע הצטרכות׳ן. מיר בויגען זיך און טהוען אַלע אָנשטרענגונגען, איהר זאָלט זיך צו השי״ת און זיין תורה צוריקקעהרען. מיר געדענקען, אַז מיר — דאָס עלטערע דור — וועט נישט אייביג לעבען, און נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר— ווען מיר וועלען שטעהן פאַר׳ן כסא-הכבוד — וועט די שכינה אונז פרעגען: פאַר וואָס האָט איהר פערלאָזט מיין סטאַדע? אויף וועמען האָט איהר איבערגעלאָזט מיין תורה? און ווי אַזוי ועהט אויס דאָס דור, וואָס איהר האָט איבערגעלאָזט...

## י.

מיר וויינען היינט אויף דעם אומגליק פון אונזערע ברי־דער אין דייטשלאַנד. אָבער אויך, ווען אונזערע נביאים האָבען בעוויינט דעם גלות פון די עשרת השבטים, האָבען זיי אין דער זעלבער צייט געשטראָפט די שבטים יהודה ובנימין, פאַרוואָס זיי נעמען נישט אַראָב פון זיי קיין מוסר. מיט פינף יאָהר צוריק איז דער מצב פון אונזערע דייטשע ברידער גע־ווען פיעל בעסער און זיכערער, ווי אונזער מצב יעצט, אַזוי אַז זיי איז גאָרנישט איינגעפאַלען צו קלערען, אַז עס וועט אויף זיי קומען אַזאַ אומגליק. עס איז געווען אין דייטשלאַנד יודישע מיניסטאָרען, יודישע בעאַמטע און כמעט אַלע גרעסטע געלעהרטע און פראָפעסאָרען, וואָס האָבען געמאַכט דייטשלאַנד'ס נאָמען גרויס און בעריהמט אין דער גאַנצער וועלט, זענען געווען יודען. די שטראָף איז אָבער אויף זיי געקומען, ווייל זיי האָבען זיך אָבגעקעהרט פון דרך ד'. השי"ת זאָל זיך מרחם זיין, אַז זיי זאָלען שוין געהאָלפען ווערען, און אויך אויף אונז, אַז מיר זאָלען ח"ו נישט קומען צו אַזאַ מצב. מיר אַלע דאַרפען תשובה טהוען און בעטען צו השי"ת, ווייל אונ־זערע צרות בכלל ובפרט זענען שוין אונמעגליך איבערצוטראָ־גען, מיר ווערען געבויגען אונטער דער לאַסט פון די צרות. וואָס פאַר אַ ביטער יאָהר איז איבער אונז אַדורכגעגאַנגען? השי"ת זאָל אונז שוין אָבהיטען פון היינט אָן. דעריבער דאַר־פען מיר אַלע תשובה טהוען צו השי"ת, יעדער אויף זיין פגם. זאָל מען פון היינט אָן דינען השי"ת בכל לבבינו ובכל נפשינו. זאָלען מיר מתפלל זיין צו השי"ת, אַז ער זאָל אונז מוחל זיין אויף אונזערע נישט גוטע מעשים, וואָס מיר האָבען בעטהוען ביז יעצט.

שובה ישראל וכו' קחו עמכם וכו'—איהר זאָלט מיטנעמען אין אייערע שטובען אַריין אויך אויף נאָך ר"ה ויכ"פ די אַלע רייד, אַז פון היינט אָן זאָלט איהר זיך שוין פיהרען ווי אַן עם ד' דאַרף זיך פיהרען.

עס שטעהט אין סידור מאה שערים פון רב זצ״ל, אז ווער עס זאָגט דברי מוסר און הדרכה פאר יודען, געפונט זיך דענסמאָל אין איהם אַ ניצוק נבואה, אַזוי ווייזט זיך אויך אויס פון רש״י ז״ל אויפ'ן פסוק: ואהרן אחיך יהי׳ נביאך. דעריבער, ווען איך שטעה יעצט אויפ'ן בלעמער און האַלט מיין דרשה, און דער ניצוק הנבואה געפונט זיך דאָך נאָך במילא אין מיר — אָט מיט דעם ניצוק הנבואה, ווינטש איך אַלע היגע יודען, אַלע אונ־זערע גוטע פריינד אויף דעם גאַנצען כלל ישראל: אז צו אַלע חולאים זאָל השי״ת שיקען אַ רפואה־שלימה. און די געזונטע זאָל השי״ת אָבהיטען פון פערשיעדענע חולאים, און מיר זאָלען מאריך ימים ושנים טובים זיין מתוך פרנסה טובה ומנוחה. וד׳ יאיר את לבבנו לאהבה וליראה אותו ולעבדהו מתוך כל טוב, ונזכה במהרה לגאולה שלימה, ונאמר אמן.